YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv11i38

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 11 Issue 38
December 1929

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 11, Iss. 38)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/538

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה
(איוב, כ״ז, ו)
אין מיין גערעכטיג־
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט שוואכען.

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראייני־
ניגט זיך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. XI. No. 38. New York, N. Y., Friday, December 13, 1929 | ניו יארק, פרייטאג, 13טער דעצעמבער, 1929 | PRICE 3 CENTS

פרעזידענט שלעזינגער, מיט גרויס באגייסטערונג, איינשטימיג נאמינירט פאר ווידער־ערוועהלונג

אב. בעראף ענטזאגט זיך צו לויפען פאר סעקרעטער־טרעזשורער צוליב שוואכען געזונט און קריגט רירענדע אוואציע פאר טרייער יוניאן־טעטיגקייט. — דוד דובינסקי דער איינציגער קאנדידאט פאר אינטערנעשאנאל סעקרעטער־טרעזשורער. — פילע וויכטיגע רעפארמען בעשלאסען און אינדארסירט סטרייקס אין דעם ניו יארקער דרעס טרייד, אין פילאדעלפיע, קליוולאנד און אין פילע אנדערע טריידס און שטעדט. — קאנווענשאן ווערט באגריסט פון פראמינענטסטע פארשטעהער פון דער ארבייטער באוועגונג, פון סטייט רעגירונגען און פון וויכטיגע טרייד־פארשטעהער.

קאנווענשאן באשליסט א באזונדערע דזשאינט באארד פאר ניו יארקער דרעס מאכער

אונטער דעם זעלבען שטורם פון באגייסטערונג און ענטוזיאזם, אין דער זעלבער אטמאספערע פון פרייד און זיג־באוואוסטזיין און אין דערזעלבער יום־טוב׳דיגער שטימונג, מיט וועלכער ברודער בענדזשאמין שלעזינגער, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל האט געעפענט די קליוולענדער קאנווענשאן, איז דיזע היסטארישע ארבייטסזאמע קאנווענשאן פון גרויסע רעפארמען און נייע קאמפס אנזאגונגען געשלאסען געווארען.

עס איז געווען א קאנווענשאן פון לייד און פרייד, אויף וועלכער מען האט די לידען אין פרייד דערצעהלט. עס איז געווען א יום־טוב פאר אלע וועמען עס איז טייער דאס לעבען, און דער גורל פון די ארבייטער און פון זייערע ארגאניזאציעס.

עס איז געווען א זיגעס קאנווענשאן פון א גרויסער ארבייטער ארגאניזאציע איבער איהרע אינערליכע און אויסערליכע שונאים. עס איז געווען א קאנווענשאן פון איינינקייט און ברידערליכקייט אין די רייהען פון דער גרויסער אינטערנעשאנאל.

עס האבען זיך געפרעהט אויף דיזער קאנווענשאן אלע, וואס האבען געליטען און געבלוטיגט פאר דער שעהנער און שטאלצער אינטערנעשאנאל, וועלכע איז זייט לאנגע יאהרען געווען א מוסטער און א וועגווייזער פאר דער גאנצער טרייד יוניאן און ארבייטער באוועגונג. עס האבען זיך געפרעהט די דעלעגאטען און די געסט, עס האבען זיך געפרעהט די צעהנדליגער טויזענדער ארבייטער אין די שעפער. עס האט זיך געפרעהט די גאנצע ארבייטער באוועגונג. עס איז געווען די פרייד פון תחית המתים, די פרייד פון דער ווידערגעבורט פון אן ארגאניזאציע, וואס האט פאר זיך גרויסע ליסטונגען און גרויסע אויפגאבען פאר צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

און ווי אויף א קאנווענשאן פון זיג און פרייד, האט דארט ניט געפעהלט קיינע זיגעס־און באגייסטערונגס סצענעס. די יוניאן און קאנווענשאן פיהרערשאפט, וועלכע האט באקומען אזוי פיל און אפטע הארציגע און ענטוזיאסטישע אוואציעס, האט זיך אבער ניט געלאזט פארשיכור׳ן פון לויב און נצחון. אונזער יוניאן פיהרערשאפט האט אונטער דעם לאזונג: „שמיד דאס אייזען כל זמן ס׳איז חיים" אין סאמע זיגעס־טומעל און באגייסטערטע אוואציעס, מיט אפענע אויגען געקוקט דער ווירקליכקייט אין פנים אריין, און מיט פראקטישער איסרעכענונג האט זי אויסגעארבייט פלענער פאר דעם גרויסען בנין פון דער אינטערנעשאנאל, וואס דארף ערשט איצט אויפסניי געבויט און באפעסטיגט ווערען פאר׳ן נוצען און וואהלזיין פון איהר גרויסער מיטגלידערשאפט.

אינ׳ם יובעל־געזאנג פון די פילע לויב־רעדעס פאר דער יוניאן און דער יוניאן־פיהרערשאפט; אינ׳ם גייסט און צייכען פון אנערקענונג פאר דער יוניאן און איהר אנערקענטען פיהרער, בענדזשאמין שלעזינגער, האט די קאנווענשאן, אונטער זיין אייזערנער פיהרער האנד, באוויזען צו שאפען גרויסע יוניאן רעפארמען: די איינפיהרונג פון רעפערענדום, דאס איינפיהרען פון א פלאנמעסיגען פראפארשענאל וואהל־סיסטעם צו די קאנווענשאנס, די פארקלענערונג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און א רייהע אנדערע וויכטיגע ארגאניזאציאנס רעפארמען.

וויכטיגער פון אלץ זיינען אבער די קאמפס־באשלוסען פון דער קאנווענשאן צו פארבעסערען די עקזיסטענץ און דאס לעבען פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע, דער קאמפס־מוט פון דער קאנווענשאן צו פיהרען אן ענטשלאסענעם קאמף מיט׳ן סוועטינג סיסטעם איבעראל דארט וואו ער עקזיסטירט נאך.



בענדזשאמין שלעזינגער

א חוץ ארגאניזאציאנעלע און עקאנאמישע באשלוסען האט די קאנווענשאן אויך אנגענומען וויכטיגע פאליטישע באשלוסען, ווי דאס איז דער באשלוס וועגען א לייבאר פארטיי אין אמעריקא.

עס איז אלזא געווען א קאנווענשאן פון פרייד און ענטוזיאזם, א קאנווענשאן פון גרויסע ארגאניזאציאנעלע און קאמפס־פארבעסערונגען. עס איז געווען א קאנווענשאן פון גליהענדען ענטוזיאזם און א קאנווענשאן פון רואיגער און קאלטער איבערלייגטקייט. עס איז געווען א קאנווענשאן פון פראקטישען טרייד יוניאניזם און א קאנווענשאן וואס איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעאלען פאר א שעהנערער און בעסערער וועלט־ארדנונג.

די פילע באגייסטערטע סצענעס פאר פרעזידענט שלעזינגער, ווען ער האט געעפענט און געשלאסען די קאנווענשאן, ווען ער איז מיט גרויס כבוד און לויב דערמאנט געווארען פון פרעזידענט גרין און פון גענאסע אב. קאהאן, אלס דער רעטער פון „פארווערטס" און פון דער אינטערנעשאנאל. די דעמאנסטראציעס פאר׳ן קראנקען עקס־פרעזידענט מאריס זיגמאן און פאר׳ן וועטעראן פון דער אינטערנעשאנאל, אב. בעראף; די אנערקענונג, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט אויסגעדריקט צו דובינסקי׳ן, ניניפא׳ן, ברעסלאו׳ן, נאגלער׳ן און צו אלע אנדערע יוניאן־פיהרער, וואס האבען מיטגעהאלפען אין דעם שווערען קאמף, האבען געזאגט עדות פון א נייעם, פאראייניגטען גייסט, וואס הערשט אין דער ווידער־געבוירענער אינטערנעשאנאל.

די צוואנציגסטע קאנווענשאן איז אויך געווען א גרויסע דעמאנסטראציע פאר דער איינינקייט און סאלידאריטעט, וואס עס הערשט איצט ווידער אין דער גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די באגייסטערטע, ברידערליכע סצענעס אויף דער קאנווענשאן, ווען שלעזינגער האט אזוי הארציג פארגעשטעלט דעם פרעזידענט פון ארבייטער רינג, דזש. וויינבערג, איז געווען דער בעסטער באווייז פון דער אמת׳ער און אויפריכטיגער סאלידאריטעט, וואס עס הערשט איצט אין אלע צווייגען פון דער ארבייטער באוועגונג.

אין גייסט פון אט דער איינינקייט און סאלידאריטעט, וועט די אינטערנעשאנעל זיכער פארווירקליכען אלע איהרע וויכטיגע קאנווענשאן באשלוסען ווידער אויפצובויען א שטארקע יוניאן און צו פארבעסערען דעם גורל פון איהר גרויסער מיטגלידערשאפט.

ברודער שלעזינגער׳ס ערעפענונגס רעדע אויף דער 20טער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל

דעלעגאטען און מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, [illegible] שטאדט קליוולאנד. איך בין טיעף גערירט פון דער אויפנאמע, וואס איהר האט מיר געגעבען און איך בין ניט בכח אין דיזען צד שטאנד צו געפינען די ריכטיגע ווערטער, וואס זאלען געבען דעם ריכטיגען אויסדרוק פון מיינע געפיהלען, וועלכע באהערשען מיך אין איצטיגען מאמענט.

איך בין באמת איבערראשט פון דעם בילד, וואס איך האב אקארשט געזעהן. איך גלויב ניט, דאס איך פארדין עס, ווייל איך האלט, דאס איהר און אייערע פארשטעהער האבען פאר מיר טויזענט מאל מעהר געטאן, ווי איך האב אין אלע מיינע יאהרען געטאן פאר אייך. יעדענפאלס, איז פאראן א מאן אין דיזען האל — אויף דיזער פלאטפארמע — וועלכער פארדינט א סך מעהר אנערקענונג ווי איך, א מאן וואס האט געטאן אזוי פיעל ארבייט, וואס האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל ענערגיע אין משך פון די לעצטע חדשים, אז ער פארדינט א סך מעהר ווי איך די דאזיגע באגריסונג, וואס איהר האט מיר אקארשט ארויסגעוויזען. איך בין זעהר צופרידען אייך

ווילקאמען, דעלעגאטען, צו דער צוואנציגסטער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן

אין קליוולאנד

זייט געגריסט, פארטרעטער פון דער גרויסער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן. מיר פיהלען זיך שטאלץ און דערהויבען, וואס אויף אונז איז גראד אויסגעפאלען דער גליקליכער גורל איך, דעלעגאטען פון אונזער אינטערנעשאנאל צו עמפפאנגען אין אונזער שטאדט, אלס די שלוחים פון אונזערע ברידער און שוועסטער, צו דער זיבעס קאנווענשאן פון אונזער ווידעראויפ־געלעבטער און פאראייניגטער אינטערנעשאנאל לײדיס גאר־מענט וואירקערס יוניאן.

מיר קענען איך ניט געבען דעם שליסעל פון דער שטאדט. דערפאר אבער גיבען מיר איך דעם שליסעל צו אונזערע הער־צער, וועלכע רופען: ווילקאמען, שוועסטער און ברידער דע־לעגאטען צו דער 20טער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל

מיר ווינשען איך ערפאלג אין אייער ארבייט אין די אינ־טערעסען פון אונזער יוניאן און אין די אינטערעסען פון דער גאנצער ארבייטענדער מענשהייט.

דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט און דרעסמאכער יוניאן אין קליוולאנד

טשארלס קריינדלער	לואיס פרענר	אב. קאטאווסקי
דזשענעראל מענעדזשער	טשערמאן	ביזנעס מענעדזשער

קרעדענשעל קאמיטע פון דער 20סטער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן אין קליוולאנד

וויכטיגע באשלוסען אויף דער 20טער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל

באגריסונגען און טעלעגראמען

זעלטען אז א קאנווענשאן זאל באגריסט ווערען פון אזוי פיעל פראמינענטע פערזענליכקייטען און ארגאניזאציעס, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל אין קליוולאנד. צעהנדליגער רעדנער פון דער ארבייטער באוועגונג און פון דער אינדוסטריע זיינען געקומען באגריסען די קאנווענשאן. צווישען די וואס האבען געהאט דעם כבוד צו באגריסען די קאנווענשאן, האבען זיך געפונען פרעזידענט גרין, פון דער א. פ. און ל.; אב. קאהאן, מאריס הילקוויט, דזשיימס מאורער, מעטיו וואל, פענקין, דער מעיאר פון קליוולאנד, דער גאווערנאר פון אהייא סטייט; וויינבערג, דער פרעזידענט פון ארב. רינג; מעקלאפלין, דער פרעזידענט פון דער סיטי פעדעריישאן און לייבאר אין אהייא; דר. האפמאן, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט“; מר. איגנערסאל, דער אומפארטייאישער טשערמאן פון דער קלאוק אינדוסטריע; מר. עמיל שלעזינגער, דער לאיער פון דער יוניאן; אלעקסאנדער קאהן, אין נאמען פון „ארט“ געצייג קאמפיין; וויס פרעזידענט דזש. ברעסלאו אין נאמען פון דעבארא סאנאטאריום; י. מילער, פון עקס-פיישענט האום אין דענווער, קאלאראדא און פילע אנדערע.

גלייכצייטיג זיינען אויך אנגעקומען הונדערטער טעלעגראפישע באגריסונגען פון פילע שעפער, לאקאל יוניאנס און פון פילע ארבייטער ארגאניזאציעס און יוניאן פריינד, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען א לענגערע טעלעגראמע פון עקס-פרעזידענט מאריס זיגמאן, וועלכע איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג. אויף א פארשלאג פון דעלעגאט ד. פריהלינג, האט די קאנווענשאן איינשטימיג באשלאסען צו שיקען א טעלעגראמע צו ברודער זיגמאנען און ווינשען איהם אז ער זאל ווי אמשנעלסטען געזונט ווערען.

אין משך פון די באגריסונגען און קאנווענשאן פארהאנדלונגען זיינען אפטמאל אויסגעבראכען ספאנטאנע סצענעס פון באגייסטערונג פאר דער יוניאן פיהרערשאפט און ספעציעל לכבוד פרעזידענט שלעזינגער. די אוואציעס וואס ברודער שלעזינגער האט באקומען ביי דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן און וועהרענד דער נאמינאציע פאר זיין ווידערערוועהלונג, וועלען ביי אלע אנטיילנעמער לאנג בלייבען אין זכרון. די באשרייבונג פון דער קאנווענשאן וועלען די לעזער געפינען אויף אן אנדער פלאץ. דא ברענגען מיר בלויז די וויכטיגסטע קאנווענשאן באשלוסען.

קאנווענשאן באשליסט צו אינדארסירן ארגאניזאציאנס קאמפיינס און סטרייקס אין ניו יארק, פילאדעלפיע, קליוולאנד און אנדערע שטעדט

די קליוולענדער זיגעס-קאנווענשאן האט ניט בלויז געפייערט דעם גרויסען נצחון פון אונזער גאר נאהענטער פארגאנגענהייט, נאר זי האט אויך געלעגט א פונדאמענט צו ווייטערע זיגען אין דער צוקונפט. דורך א רייהע רעזאלוציעס האט די צוואנציגסטע קאנווענשאן באשלאסען צו אינדארסירען דעם גענעראל סטרייק אין דער ניו יארקער דרעס-אינדוסטריע, וואס עס פלאנט צו רופען די ניו יארקער דרעס מאכער יוניאן; צו אינדארסירען א סטרייק אין דער פילאדעלפיער דרעס-אינדוסטריע, אין דעם קליוולאנדער קלאוק און דרעס מאכער טרייד, אין קענעדע און אין א רייהע אנדערע שטעדט און טריידס, ווען די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט עס געפינען פאר נויטיג און צוועקמעסיג.

אלע סטרייק באשלוסען זיינען אויפגענומען געווארען מיט דער גרעסטער באגייסטערונג, און האבען ארויסגערופען ביי דער גאנצער קאנווענשאן דעם גרעסטען ענטוזיאזם.

קאנווענשאן באשליסט א זעלבסטשטענדיגען דרעס מאכער דזש. באארד אין ניו יארק

אלע דעלעגאטען אויף דער קאנווענשאן האבען ארויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס אין דעם קומענדען דרעס-מאכער סטרייק אין ניו יארק, וועלכער וועט ארומכאפען 45 טויזענד ארבייטער, און עס וועלען אין איהם פארוויקעלט ווערען צעהנדליגער טויזענטער מענשען.

דאס האט זיך ארויסגעצייגט אין דעם העכסט וויכטיגען באשלוס וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען, אז די דרעסמאכער יוניאן אין ניו יארק זאל פון איצט אן און ווייטער האבען א באזונדערען דזשאינט באארד. די רעזאלוציע צו שאפען צוויי באזונדערע דזשאינט באארדס — איינע פאר די קלאוקמאכער און איינע פאר די דרעס-מאכער, אנשטאט די ביז-איצטיגע פאראייניגטע דזשאינט באארד פאר ביידע יוניאנס — איז אנגענומען געווארען איינשטימיג און מיט אן אומגעהויערער באגייסטערונג.

דאס איז פון אלע דעלעגאטען באטראכט געווארען אלס אן אנזאג פון א גרויסער און שטארקער דרעס-מאכער יוניאן, וועלכע זאל קאנטראלירען דעם גאנצען טרייד און וועלכע דארף אן איינענע קערפערשאפט צו היטען און באשיצען די אינטערעסען פון די ארבייטער. די קאנווענשאן איז געווען איבערצייגט, אז דורך א באזונדער, איינענער דזשאינט באארד וועט די דרעסמאכער יוניאן קענען ערפאלגרייך קאנטראלירען דריי טויזענד שעפער אין ניו יארק, וואס מוזען און וועלען ארגאניזירט ווערען דורך דעם קומענדען סטרייק.

רעפערענדום און פראפארשאנאל רעפרעזענטיישאן

צווישען די וויכטיגע באשלוסען, וואס די קליוולענדער קאנווענשאן האט אנגענומען, וועלען די צוויי באשלוסען, וועגען רעפערענדום וואוט און פראפארשאנאל רעפרעזענטיישאן, וואס די לעצטע קאנווענשאן האט אנגענומען האבען א גאר גרויסע באדייטונג פאר דער פיהרערשאפט פון דער יוניאן. דער ערשטער באשלוס איז איינצופיהרען פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט. דאס הייסט, אז יעדער לאקאל יוניאן זאל פון איצט אן זיין פארטראטען ביי קאנווענשאנס לויט דער צאהל מעמבערס. דער צווייטער וויכטיגער באשלוס איז, אז די דזשענעראל באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל זאלען ערוועהלט ווערען דורך א רעפערענדום אפשטימונג פון אלע מעמבערס, אנשטאט דעם וואס ביז איצט איז עס געטאן געווארען פון דער קאנווענשאן. די קאנווענשאן וועט בלויז נאמינירען די באאמטע.

אינטערנעשאנאל וועט העלפען ארגאניזירען די ארבייטער אין דער סאוט

די קאנווענשאן האט אויך געהאנדעלט וועגען דער וויכטיגער פראגע פון דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג, נעמליך וועגען דעם גרויסען ארגאניזאציאנס קאמפיין אין דער סאוטה. אויף איינער פון די קאנווענשאן-זיצונגען האט פרעזידענט שלעזינגער איבערגעגעבען א וויכטיגען געשפרעך וואס ער האט געהאט וועהרענד דער קאנווענשאן מיט פרעזידענט גרין פון דער אמעריקען פעדעריישאן און לייבאר וועגען דער גרויסער ארגאניזאציאנס-ארבייט וואס ווערט איצט אנגעפאנגען אין דער סאוטה. די וואשינגטאנער קאנפערענץ פון דער אמעריקען פעדעריישאן און לייבאר האט באשלאסען אז די עטליכע און נייינציג אינטערנעשאנאל יוניאנס אין אמעריקא זאלען האבען איינענע ארגאניזערס אין דער סאוט, — האט שלעזינגער דערצעהלט, און ער האט צוגעגעבען, אז ער האט פארשפראכען גרין'ען, דאס די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן וועט אויך האבען אן ארגאנייזער אין דער סאוט. פרעזידענט שלעזינגער האט קלאר געמאכט, אז דער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער וועט זיך דארפען אפגעבען מיט ארגאניזירען די גארמענט טריידס. ער האט אויך ערקלערט, אז אלע ארגאנייזערס וועלען זיין אזעלכע יוניאן-טוער וואס וואוינען אין דער סאוט, אום די רעאקציאנערען פון דער סאוט זאלען ניט קענען האבען די טענה, אז די נארטהערן סטייטס מישען זיך אין זייערע אינדוסטריעלע אנגעלעגענהייטען.

קאנווענשאן דאנקט אלע ארגאניזאציעס וואס האבען געהאלפען געווינען דעם לעצטען גענעראל סטרייק און אויפבויען די אינטערנעשאנאל

מיט א מערקווירדיגער באגייסטערונג און ווארימען געפיהל פון דאנקבארקייט האבען די דעלעגאטען צו דער 20טער קאנווענשאן אויסגעדריקט זייער דאנק צו אלע יענע ארבייטער-אינסטיטוציעס וואס האבען געהאלפען אונזער יוניאן אין צייט פון נויט און פון קאמף. דאס איז געשעהן ווען די קאנווענשאן האט דורך א רעזאלוציע אויסגעדריקט איהר דאנק צו דער אמעריקען פעדעריישאן און לייבאר, צו פארשיידענע אינצעלנע יוניאנס אין אמעריקא, און אויך צום פארבאנד פון קליידער ארבייטער אין דייטשלאנד און די פאלעסטינער אידישע געווערקשאפטען, דעם הסתדרות, פאר דער שטיצע וואס זיי האבען געשיקט צו די קלאוקמאכער אין דער צייט פון דעם קלאוקמאכער סטרייק. די דייטשע יוניאן האט געשיקט פינף טויזענד דאלאר און די הסתדרות פון פאלעסטינא האט געשיקט צוויי הונדערט דאלאר און, ווי פרעזידענט שלעזינגער האט אויפמערקזאם געמאכט, איז די סומע, אונטער די פאלעסטינישע אומשטענדען, געווען א גרויסער אפפער פאר זיי. שלעזינגער האט ביי דיזער געלעגענהייט אויך דערמאנט דעם פאקט, אז ווען עס זיינען אנגעקומען די מעלדונגען וועגען די טראגישע פאסירונגען אין פאלעסטינא איז די אינטערנעשאנאל געווען די ערשטע זיך אפצורופען מיט א באלדיגער באשטייערונג פון פינף טויזענד דאלאר פאר דער פאלעסטינער רעליף און מיט אן אפיל צו די לאקאלע יוניאנס, אז זיי זאלען זאמלען ווייטערדיגע הילף פאר פאלעסטינא דורך זייערע אפיסעס און אין די שעפער.

אין איהר באריכט צו דער קאנווענשאן האט די קאמיטע פאר נעשאנאל און אינטערנעשאנאל ריליישאנס געגעבען א לעבעדיגע, שטארקע, ערמוטיגענדע, ריהרענדע בילד פון דער פילפאכער, געגנזייטיגער ברידערליכער פארוואנדשאפט צווישען דער אינטערנעשאנאל פון איין זייט און די אמעריקאנער און אלוועלטליכע ארבייטער באוועגונג פון דער צווייטער זייט. די אינטערנעשאנאל האט זיך אנגעשטרענגט צום העכסטען גראד און געגעבען הילף צו די סטרייקענדע מיינערס פון פענסילוועניא און אהייא, דורך ארויפלעגען א פרייוויליגען טעקס פון איין דאלאר אויף יעדען מיטגליד. אויף דעם רוף פון דער א. פ. און ל. האט די אינטערנעשאנאל באשטימט איהר געוועזענעם עקטינג פרעזידענט דובינסקי צו פארטרעטען די אינטערנעשאנאל ביי דער וואשינגטאנער קאנפערענץ, און צוזאמען מיט דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג אנפאנגען דעם היסטארישען קאמפיין צו באפרייען די ארבייטער פון דער סאוט פון אינדוסטריעלער שקלאפעריי. די אינטערנעשאנאל האט געהאלפען פילע ארבייטער אין אנדערע וויכטיגע אונטערנעמונגען.

אין דער שטונדע פון איהר אייגענער שווערער נויט האט די אינטערנעשאנאל געקראגען שטיצע פון אנדערע ארבייטער ארגאניזאציעס מיט פונקט אזא פרייגעביגקייט.

עס איז ספעציעל דערמאנט געווארען פרעזידענט שלעזינגער'ס גרויסער קאמפיין אין פארבינדונג מיט דער באנד-אישו. וועגען דעם ענין זאגט דער רעפארט:

„די קאמיטע פיהלט, אז געהעריגע אנערקענונג און דאנקבארקייט דארף געגעבען ווערען צו אלע אנדערע ארגאניזאציעס, ווי די אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס, די קעפמייקערס אינטערנעשאנאל, דעם ארבייטער רינג, די פועלי ציון, די בעקער יוניאן, די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, די אידישע שריפטזעצער יוניאן פון ניו יארק און דער „פארווערטס“ אסאסיאיישאן.

די קאמיטע איז שטאלץ אויף דעם פאקט וואס די באציאונגען פון אונזער יוניאן צו דער איבעריגער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז אזוי אינטים, אז ווען מיר האבען זיך געפונען אין א לאגע ווען אונזער עקזיסטענץ איז געווען אין געפאהר, איז די אלגעמיינע ארבייטער באוועגונג געלאפען צו אונזער הילף. מיר זיינען זיכער, אז די קומענדע גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט טאן אלעס וואס עס וועט זיין אין איהר כח נאך מעהר צו פארפעסטיגען אונזער בונד מיט דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג. דער טשערמאן פון דער קאמיטע איז געווען ברודער דזש. האלפרין.

פרעזידענט שלעזינגער איינשטימיג ערוועהלט אלס דעלעגאט צום קאנגרעס פון אינטערנאציאנאלען ארבייטער באקליידונגס פארבאנד

די קאנווענשאן האט ווייטער גוטגעהייסען דעם באריכט פון דער קאמיטע פאר נעשאנאל און אינטערנעשאנאל ריליישאנס, אז די אינטערנעשאנאל זאל בלייבען א מיטגליד פון דעם אינטערנאציאנאלען פארבאנד פון קליידער-ארבייטער. דער פארבאנד נעמט אריין די [illegible] טרייד יוניאנס פון אלע אייראפעאישע לענדער מיט דער אויסנאמע פון רוסלאנד. פון אמעריקאנער יוניאנס זיינען אין פארבאנד אנגעשלאסען די קעפ און מילינערי וואירקערס יוניאן און די אינטערנעשאנאל.

פרעזידענט ב. שלעזינגער איז איינשטימיג ערוועהלט געווארען צו פארטרעטען די אינטערנעשאנאל ביים קומענדען קאנגרעס פון אינטערנאציאנאלען ארבייטער באקליידונגס פארבאנד.

פרעז. שלעזינגער אפעלירט צו הילקוויט'ען מיט דער צושטימונג פון דער קאנווענשאן, אז ער זאל די קאמוניסטען ניט מאכען פאר קיין מארטירער

די קאמוניסטען האבען אויף דער קאנווענשאן ניט באקומען די קלענסטע אויפמערקזאמקייט. קיינער האט פון זיי ניט גערעדט, קיינער האט זיי ניט דערמאנט, אזוי ווי זיי וואלטען גאר קיינמאל ניט עקזיסטירט. בלויז איין מאל האט מען וועגען זיי גערעדט. דאס איז געווען ווען פרעזידענט שלעזינגער האט אריינגעבראכט די רעזאלוציע אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט דער אפיל פון דער קאנווענשאן צו גענאסע מ. הילקוויט, אז ער זאל צוריקציהען די קלאגע פאר קרימינעלע פארלוימדונג וועלכע ער האט געבראכט אין געריכט געגען מאנכע רעדאקטערע און ארויסגעבער פון די קאמוניסטישע צייטונגען, כדי זיי ניט צו געבען א נייע געלעגענהייט צו פאזירען אלס מארטירער און ניט פארלירען קיין צייט מיט זיי.

דער פולער טעקסט פון דער רעזאלוציע לעזט זיך ווי פאלגט:

„אין אנבאטראכט, אז די אזוי גערופענע קאמוניסטישע צייטונגען אין ניו יארק האבען געדרוקט פארלוימדערישע באשולדיגונגען געגען אונזער באליבטען פיהרער און לאיער, מאריס הילקוויט, אין פארבינדונג מיט דעם פארקויף פון געוויסע שערס פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק, און אין אנבאטראכט, אז דער דאזיגער פארקויף איז געמאכט געווארען מיט דעם פולען וויסען און צושטימונג פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד און פאר דעם בענעפיט פון אונזער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן;

און אין אנבאטראכט, אז גענאסע הילקוויט האט אריינגעבראכט קרימינעלע קלאגען פאר פארלוימדונג געגען די אזוי גערופענע „רעדאקטערע“ און ארויסגעבער פון די קאמוניסטישע בלעטלאך, דעריבער

„זיי עס באשלאסען ביי דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, פארזאמעלט אין קאנווענשאן, אויסצודריקען אונזער העכסטען און אומבאגרעניצטען צוטרויען צו דער ערליכקייט און אויפריכטיגקייט פון מאריס הילקוויט. און זיי עס ווייטער

באשלאסען צו בעטען גענ. הילקוויט, אז ער זאל צוריקציהען די קלאגע געגען די קאמוניסטען, וועלכע זיינען שוין אזוי דיסקרעדיטירט אין אונזער באוועגונג, אז קיינער לענט שוין ניט די מינדעסטע געוויכט אויף זייערע מיאוס'ע און לעכערליכע באשולדיגונגען. מיר זיינען מיט דער מיינונג, אז דער משפט פון גענאסע הילקוויט'ס „לייבעל סוט“ געגען

(שלוס אויף זייטע 8)

שלעזינגער׳ס ערעפענונגס רעדע אויף דער 20טער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן

פארצושטעלען דיזען מאן — דוד דובינסקי (אפלאוז).

איך בין זעהר דאנקבאר צו די פיהרער און די באאמטע פון דער קליוולאנדער יוניאן, צו די מיטגלידער פון דער שטאטישער און סטייט רעגירונג, צו סעקרעטער דאנעלי פאר זייער הארציגען ווילקאמען, וואס זיי האבען אונז ארויסגעוויזען. זיי האבען ארויסגעוויזען די גרעסטע באמיהונג צו שאפען די גרעסטע באקוועמליכקייטען פאר די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן.

עס איז פאר מיר א באזונדער פארגענינגען, וואס אונזער 20טע קאנווענשאן ווערט גראד אפגעהאלטען אין קליוולאנד, ווייל פילע פון מיינע ערשטע און אנגענעהמע עראינערונגען ווענען אונזער טייערער יוניאן זיינען פארבונדען און פארקניפט מיט אט דער שטאדט. עס שיינט מיר, דאס באשלוסען פון גרויסער באדייטונג און פון גרויסע טהאטען פאר אונזער יוניאן און פאר אונזערע ארבייטער שטאמען פון קליוולאנד. און איך פערזענליך פיהל, דאס די וויכטיגסטע מאמענטען פון מיין לעבען זיינען פארוויקעלט און פארקניפט מיט קליוולאנד.

מיט 26 יאהר צוריק, ווען אונזער יוניאן איז נאך געווען איינגעוויקעלט אין סינדער־ווינדעלאך, זיינען מיר זיך צוזאמענגעקומען אין קליוולאנד אין א קליינעם האל, ערגעץ וואו אויף פערי סטריט. אויף יענער קאנווענשאן בין איך צום ערשטען מאל ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנעל. עלף יאהר שפעטער, אין יאהר 1914, האב איך צום צווייטען מאל איבערגענומען די פרעזידענטשאפט פון אונזער יוניאן אויף א קאנווענשאן, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין דער זעלבער שטאדט. דעמאלט זיינען מיר שוין געווען א שטארקע איינפלוסרייכע יוניאן, וואס האט געצעהלט צעהנדליגער טויזענטער מיטגלידער. אין 1922 איז עס ווידער געווען קליוולאנד, וואו איך בין צום זעקסטען מאל ווידער ערוויילט געווארען אלס דער הויפט באאמטער פון דער יוניאן.

איצט, 7 יאהר שפעטער, זיינען מיר ווידער אין קליוולאנד. מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען, ווי עס קוקט אויס, צו איינער פון אונזערע וויכטיגסטע קאנווענשאנס אין דער גאנצער געשיכטע פון אונזער יוניאן.

ענטשולדיגט מיר דיזע פערזענליכע באמערקונגען. אונזער היינטיגע קאנווענשאן דערמאנט מיך אבער אן די אינטערעסאנטסטע בלעטער פון מיין לעבען, עראינערונגען, וועלכע וועלען בלייבען אין מיין זכרון אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען.

קאמוניסטישער איינפלוס פולשטענדיג פארניכטעט

גליקליכערווייזע דארף איך מיך ניט פארנעמען מיט איינצעלהייטען ווענען עטוואס, וואס האט אין די לעצטע יאהרען עקזיסטירט צווישען אונזערע מיטגלידערשאפט, און ספעציעל אין אונזער ניו יארקער ארגאניזאציע. איך האב אין זינען די קאמוניסטישע צעשטערער, וועלכע האבען געוואלט פארניכטען די ארבייטער באוועגונג דורך זייער פארברעכערישער טאקטיק פון שפאלטען די ארבייטער רייען.

איך וויל בלויז דערמאנען, אז זייער איינפלוס אין דער ארבייטער באוועגונג און אין אונזער יוניאן איז פאלשטענדיג פארניכטעט געווארען, און אז מיר גלויבען ווידער פארווערטס. איך גלויב דאס מיין צייט וועט זיין א סך בעסער אויסגענוצט, ווען איך וועל זי געברויכען אום צו שילדערען פאר אייך דעם פארלויף פון לעצטען גענעראל סטרייק אין דער ניו יארקער קלאוק אינדוסטריע. מיר האבען אין סטרייק באגעגנט וויכטיגע אינדוסטריעלע פראבלעמען, וועלכע וועלען אונז דורך דער ערפאהרונג שטארק צוניץ קומען ביים באגעגענען דיזעלבע פראבלעמען אין אנדערע קלאוק און דרעס צענטערס.

דער ניו יארקער גענעראל סטרייק

אין אונזערע פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס אין ניו יארק האבען מיר פארלאנגט געוויסע מאדיפיקאציעס פון זייער רעארגאניזאציאנס־רעכט, א העכערונג פון וויידזשעס, די ווידעראיינפיהרונג פון ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד, וועלכער זאל איינגאנצען באצאהלט ווערען פון די מאנופעקטשורערס, סערטיפיקיישאנס צוו קאנטראקטארס. די באלעבאטים האבען ארויסגעשטעלט געגען־פאדערונגען, פארלאנגענדיג: שטיק־ארבייט אי[illegible] שטונדיגע ארבייטס־וואך, אנשטאט 40 שטונדען. די פארהאנדלונגען זיינען אפגעבראכען געווארען און די יוניאן האט ניט געהאט קיין אנדער ברירה ווי צו רופען דעם גענעראל סטרייק.

עס איז געווען דער קירצעסטער סטרייק אין דער געשיכטע פון דער אינדוסטריע אין ניו יארק און אנדערשוואו. דאס איז געשעהן א דאנק דעם וואונדערליכען ענטפער, וואס די ארבייטער האבען געגעבען אויפ׳ן סטרייק־רוף פון דער יוניאן.

די באלעבאטים, זעהענדיג, ערשטענס דעם ווידערגעבורט פון דער יוניאן, און צווייטענס, דעם פריינדליכען שטאנדפונקט צו די ארבייטער מצד גאווערנאר רוזוועלט און ליוטענאנט גאווערנאר לעהמאן, האבען זיך דערשראקען און האבען אנגעפאנגען צו באקומען איינזעהעניש מיט דער יוניאן׳ס פארלאנגען.

דער סטרייק איז גערופען געווארען דעם 2טען דזשוליי מיט א זעלטענעם ענטוזיאזם. דער הויפט קאמף איז געריכטעט געווען געגען דעם פארהאסטען סוועט שאפ סיסטעם, אונטער וועלכען עס האבען געהערשט די שרעקליכסטע אומשטענדען. די ארויספאדערונג האט געמאכט א רעש אויף דער גאנצער שטאט און האט געפונען אן אפקלאנג אין׳ם סטייט קאפיטאל אין אלבאני.

גאר אין גיכען האט דער גאווערנאר אונז צוגעשיקט, אזוי גוט ווי צו די אנדערע צדדים, אן איינלאדונג מיט איהם צו קאנפערירען. מעיאר וואקער האט פון זיין זייט אונז אויך צוגעשיקט אן איינלאדונג ווענען דעם זעלבען ענין. זיין איינלאדונג איז אבער געקומען נאכדעם ווי מיר האבען דערהאלטען די איינלאדונג פון גאווערנאר רוזוועלט".

נאכדעם ווי ברודער שלעזינגער האט אויספירליך געשילדערט דעם פארלויף פון דער קאנפערענץ אין אלבאני, די פארהאנדלונגען און דעם סטרייק סעטלמענט, וואס האט זיך געענדיגט מיט אזא גלענצענדען זיג, האט ער ווייטער געזאגט:

„איך צווייפעל ניט, אז מיר וועלען אונ[illegible]־ווערטס מארטש ווייטער פארטזעצען. אמת: וואונשען און פארלאנגען זיינען אליין ניט בכח צו ברענגען דעם פארטשריט. אונזער פראגרעס איז צום גרויסען טייל אפהענגיג פונ׳ם אלגעמיינעם אינדוסטריע צושטאנד. מיר זיינען א טייל פון דער אינדוסטריעלער פאבריק פון אונזער לאנד און עס איז פארשטענדליך, אז אונזער פראגרעס איז אין א גרויסער מאס אפהענגיג פון אונזער נאציאנאל־עקאנאמישען צושטאנד.

מיר דארפען זיך ניט צופיל באאונרוהיגען דורך די לעצטע געשעהענישען אין וואל סטריט. מיט יאהרען צוריק זיינען געוועהנליך ביזנעס געפאלען מיט דעם פאלען פון סטאקס. דער קראך אויפ׳ן סטאק מארקעט פלעגט דעמאלט זיין א אנווייזונג אויף א קריזיס אין לאנד. היינט צו טאג איז דאס ניט אזוי. היינט צו טאג ווערען די פרייזען פון סטאקס ארויפגעשרויפט דורך די ספעקולאנטען און דער פרייז פון די סטאקס איז ניט מעהר א צייכען פון גוטע אדער שלעכטע ביזנעס.

איך גלויב ניט, דאס מיר האבען וואס מורא צו האבען פאר דער צוקונפט, ספעציעל זינט דער קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטען געווארען פון פרעזידענט הואווער מיט די פארשטעהער פון דער אינדוסטריע און האנדעל. די אייגענטימער פון די ריילראודס האבען פארשפראכען גלייך אנצופאנגען אויסצובעסערען די ריילראודס אין אזא פארנעם, אז די ארבייט וועט באטרעפען א ביליאן דאלאר. אנדערע פארשטעהער פון דער גרויסער אינדוסטריע האבען פארשפראכען צו קויפען נייע מאשינען און אז זיי וועלען איצט אנפאנגען ריזיגע אונטערנעהמונגען. די גאווערנארס פון די איינצעלנע סטייטס און די פיהרער פון די פארשידענע נאציאנאלע רעגירונגס־דעפארטמענטס האבען אויך דאס זעלבע פארשפראכען.

מר. הענרי פארד האט אין זיין ערקלערונג אין צוזאמענהאנג מיט אט די קאנפערענצען געזאגט: די איינציגע זאך, וואס דארף הויך איינגעשעצט ווערען אין דיזען לאנד, איז דער מאן, וואס ארבייט. דער ארבייטס־לוין דארף ניט זינקען. ער טאר אפילו ניט בלייבען ווי ער איז איצט. דער ארבייטס־לוין מוז שטייגען. אבער אפילו דאס איז אויך ניט גענוג — מיר מוזען זעהן, אז דער געהעכערטער ארבייטס־לוין זאל ניט פארלירען זיין ווערט דורך דער פארטייערונג פון די לעבענס־אויסגאבען פון די ארבייטער.

עס קען ניט זיין קיין שום צווייפעל, אז ביי אזא באציהונג מצד די פיהרער פון דער אינדוסטריע, וועט אונזער לאנד אין משך פון די קומענדע יאהרען דערלעבען אזא פראספעריטי ווי מיר האבען עס נאך ניט געזעהן; דעלעגאטען, אין אונזער אינדוסטריע, וועלכע איז א סעזאן אינדוסטריע אין העכסטען גראד, מוזען מיר אפילו וועהרענד דער גרעסטער פראספעריטי, ערווארטען ארבייטסלאזיגקייט. מיר מוזען דערפאר שאפען א סאלידען גרונד פאר א אינסטיטוציע אין אונזער אינדוסטריע, וואס זאל אימשטאנד זיין ארויסצוהעלפען אונזערע ארבייטער אין צייט פון באדערפעניש.

ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד און אלד אידזש פענסיאן

עס איז איבעריג דא צו דערצעהלען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד. אויך דארף איך ניט דערצעהלען וועגען דעם פאקט, אז אזא אינסטיטוציע האט עקזיסטירט אין אונזער אינדוסטריע אין ניו יארק פאר צוויי יאהר צייט. דאס איז אפגעשאפט געווארען ביי אומשטענדען, מיט וועלכע די קאנסטרוקטיווע כחות אין אונזער ארגאניזאציע האבען ניט געקענט קעמפען פאר א געוויסע צייט. די ערפארונג פון די פארפלאסענע עטליכע יאהר האט פארשטארקט אונזער איבערצייגונג, אז דער ארבייטסלאזער אינשורענס פאנד איז איצט פיעל נויטיגער ווי ווען עס איז בעפאר. איך בין איבערצייגט אז דער אונעמפלאימענט אינשורענס פאנד מוז אויסשליסליך אויסגעהאלטען ווערען אויפ׳ן חשבון פון דער אינדוסטריע, און דאס די ארבייטער זאלען גארניט באדארפען צוצאהלען, ווייל אנדערש מיינט עס אז דער ארבייטער באקומט עטוואס פון איין פאקעט, וואס ער האט אריינגעלייגט אין אנדערען פאקעט.

איך וויל נאך דערמאנען דעם אלד־איידזש סעקיוריטי פראגראם, וואס איז אנגענומען געווארען אויף דער לעצטער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. עס באשטעהט ניט פאר דעם ארבייטער קיין גרעסערע טראגעדיע, ווי דאן ווען ער דערגרייכט דאס עלטער פון 55, 60 אדער 65 יאהר און ווערט ארויסגעווארפען פון דער אינדוסטריע. נאכדעם ווי ער האט איהר אוועקגעגעבען זיינע בעסטע יאהרען פון פראדוקטיווער ארבייט, אהן א יעדע פארזיכערונג. רעגירונגס־ציפערען, ארויסגעגעבען פון דעם „יונייטעד סטייט פאופער צענזוס" באווייזען דאס די צאהל איינוואוינער פון ארימע אנשטאלטען אין עלטער פון 65 יאהר, האבען זיך זינט 1880 פארגרעסערט מעהר ווי אויף הונדערט פראצענט. דאס לאנד, דער סטייט און דאס פובליקום האט א פאראנטווארטליכקייט צו עלטערע ארבייטער. דורך דער אנטוויקלונג פון די מאשינען, מיט דעם ריזיגען וואוקס פון ענטדעקונגען, דורך דעם פארוויקעלטען וואוקס פון דער אינדוסטריע און דורך דעם כאפלאפ סיסטעם, ווערט דער ארבייטער אויסגעשפילט פאר דער צייט, ער ווערט יונג אלט און מוז מאכען פלאץ פאר איינגערע פון איהם. אזוי שנעל ווי עס באווייזען זיך גרויע האר אויפ׳ן קאפ פון ארבייטער, ווערט ער גלייך ארויסגעשטויסען, און אין זיינע בעסטע יאהרען ווערט ער אויסגעליפערט צו פארשידענע צדקה אנשטאלטען.

דער סטייט מוז אנערקענען די פאראנטווארטליכקייט פאר זיינע בירגער. עס איז דעריבער די פליכט פון דיזער קאנווענשאן צו אונטערשטיצען די רעקאמענדאציע פון דער אמעריקען פעדערייושאן אוו לייבאר, דאס עס זאל געשאפען ווערען אן אלד אידזש קאמישאן אין יעדער קאנטי און אין יעדען סטייט פון דער יוניאן, וואס זאל גרינדליך שטודירען די פראגע, און אז עס זאל געמאכט ווערען יעדע באמיהונג צו פארזיכערען די קאאפעראציע פון איינצעלנע פערזאנען און גאנצע גרופען וואס פארהאלטען זיך סימפאטיש צו דער אויסארבייטונג פון קאנסטרוקטיווע פלענער פאר אט דער פראגע.

צום סוף וויל איך אייך נאך אמאל דאנקען פאר דער הארציגער אויפנאמע, וואס איהר האט מיר געגעבען, און אויך דאנקען אלע פאריגע רעדנער, וואס האבען ארויסגעוויזען אזא ווארימען געפיהל. ערלויבט מיר, דעלעגאטען, פאר אייך ארויסצוזאגען א געדאנק, אדער בעסער געזאגט, א פונדאמענטאלע אידעע, וואס דארף, לויט מיין מיינונג, זיין דער לעבעדיגער אימפולס אין יעדער יוניאן, אין יעדער פראגרעסיווער ארגאניזאציע: מיר טארען קיינמאל ניט אויפהערען צו מארשירען פארווערטס, מיר טארען קיינמאל ניט מאכען א שריט ריקווערטס. אין גוטע ווי אין שלעכטע צייטען מוז אונזער מאטא שטענדיג זיין: אלעמאל פאראויס, אלעמאל פארווערטס און פארווערטס.

מיליאנען מענשען

פארמיידען קראנקהייט פון זייערע הייזער דורך דעם צייטיגען געברויך פון

עקס-לאקס

דער בארימטער מאגען רעגולירער

אויב איהר זייט נים איינער פון יענע מיליאנען, קענט איהר לייכט אויסגעפינען פון די, וועלכע ברויכען עקס-לאקס, וואס עקס-לאקס באדייט. איהר דארפט זיי לאנג ניט זוכען. איהר קענט זיי געפינען אויף יעדער שריט און טריט. אויפ׳ן גאס, אין שאפ, אין סקול, אין טעאטער, אדער וואו איהר וועט זיך נאר קעהרען און ווענדען קענט איהר געפינען עקס-לאקס געברויכער, וואס וועלען אייך דערצעהלען וואס פאר א וואונדערבארער מיטעל עקס-לאקס איז פאר׳ן מאגען.

אלע פראגרעסיווע דראגיסטען פארקויפען עקס-לאקס אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

פון וואך צו וואך

פון צביון.

איך בין זעהר צופרידען, וואס דער רעפערענדום איז אנגענומען געווארען אויף דער קאנווענשאן. און ניט דערפאר וואס איך בין אזא גרויסער ליבהאבער פון רעפערענדומס. איך וועל זאגען דעם אמת, אז אויב איינער זאל מיך פרעגען וואס די קלאוקמאכער, די ריפער מאכער, דרעסמאכער און די אלע אנדערע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל וועלען געווינען פון רעפערענדום, וועל איך דארפען א רעכט ביסעל טראכטען וואס צו ענטפערען. נאר אויב איך וועל נארנישט אויסטראכטען וועל איך דאך קענען ענטפערען, אז אויב איך קען ניט אנווייזען וואס זיי וועלען פון רעפערענדום געווינען, קען אבער קיינער מיר ניט אנווייזען וואס זיי וועלען דורך איהם פארלירען. און אויב אזוי, טא ווארום זאל מען זיי ניט געבען דעם רעפערענדום, ווען זיי פאדערען עס?

איך גלויב ניט, אז אלעמאל איז די שטים פון פאלק די שטים פון גאט, אבער איך גלויב אויך ניט, אז אלעמאל איז די שטים פון פאלק די שטים פון טייוועל.

די פראגע איז בלויז, ווער איז עס דאס פאלק, אין וועמענס נאמען מען רעדט אזוי פיעל?

דאס פאלק אליין קען אינגאנצען ניט ריידען. דאס פאלק קען בלויז שרייען, אבער ניט ריידען. אלעמאל ריידען בלויז אייניגע אין דעם נאמען פון פאלק און יעדער פון זיי זאגט, אז ער איז עס דאס פאלק. עס איז דעריבער אזוי שווער צו באשטימען וואס דאס פאלק וויל און וואס דאס פאלק פאדערט. אמאל קען מען עס אפשר אויסגעפינען דורך א רעפערענדום, טא זאל מען עס פרובירען. עס קען אפשר ברענגען שאדען אמאל מאנכע פון די, וואס ריידען אין נאמען פון פאלק, אבער ניט דעם פאלק גופא.

* *

איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האב אויף דער קאנווענשאן גאר ניט געארבייט. איך בין פשוט געווען א לעדיג־געהער. אמת, איך פלעג צייטענווייז אין לאבי פון האטעל צולייגען א האנד צו דער קאנווענשאן־פאליטיק און העלפען שטופען דעם וואגען אז ער זאל גיכער פאהרען, אדער העלפען אריינוואדפען א „מאנקי רענטש" אין זיינע רעדער, אז ער זאל זיך א ריהר ניט קענען טאן. נאר די ארבייט פלעג איך בלויז טאן אין אווענד, נאך די זיצונגען פון דער קאנווענשאן. בייטאג אבער בין איך געווען א פאלשטענדיגער פוסט־און־פאסניק. איך פלעג בלויז זיצען אין קאנווענשאן זאל און הערען און אמאל דאס אויך ניט. אבער דערפאר בין איך רייכער געווארען מיט אן ערפאהרונג. איך האב אויסגעפונען, אז פון לאנגע שטונדען לעדיג געהן ווערט מען פונקט אזוי מיד ווי פון לאנגע שטונדען ארבייט. און איך פארשטעה דעריבער ווארום פרעזידענט שלעזינגער פלעגט אזוי אפט דערמאנען מאנכע דעלעגאטען, אז זיי זאלען ניט ארומגעהן אזוי פיל לעדיג. ער האט משמעות מורא געהאט, אז זיי זאלען ניט פאדערען פאר אווערטאים. און עס איז מיין מיינונג, אז פאר לאנגע שטונדען לעדיג געהן איז מען פונקט אזוי בארעכטיגט צו קריגען עקסטרא באצאהלט, ווי פאר לאנגע שטונדען ארבייט.

*

נאר אפשר האב איך א ביסעל איבערטריבען, ווען איך האב געזאגט, אז איך בין אויף דער קאנווענשאן אין גאנצען ארומגעגאנגען לעדיג. די פראגע איז וואס מען פארשטעהט אונטער דעם ווארט „קאנווענשאן". אפיציעל איז די קאנווענשאן אפגעהאלטען געווארען אין דעם גרויסען, שעהנעם פאבליק אודיטאריום און דארטען בין איך ארומגעגאנגען גאנץ לעדיג. אבער פאקטיש איז די קאנווענשאן אפגעהאלטען געווארען אין האטעל ווינטאן, וואו די דעלעגאטען זיינען איינגעשטאנען. אין פאבליק אודיטאריום האט מען סערווירט צום טיש, געקאכט אבער האט מען אין ווינטאן האטעל. און אויב איך האב ביים סערווירען צום טיש קיין האנד ניט צוגעלעגט, האב איך אבער א ביסעל צוגעהאלפען ביים קאכען. פון צייט צו צייט פלעג איך אויך א מיש טאן מיט דעם קאךלעפעל. און מיר דוכט, אז דאס קאכען איז א סך אינטערעסאנטער ווי דאס סערווירען.

עס איז אמת, אז ניט אלע מאל האב איך געקענט אריינקומען אין קיך און זעהן ווי אלץ ווערט צוגעגרייט. איך בין, למשל, ניט געווען דערביי, ווי מען האט געהאקט די קעפלאך פון די כפרה הענדלאך. אבער איך בין צופרידען, אז איך בין ניט געווען דערביי. איך האב א ווייך הארץ און קען סאי ווי סאי ניט קוקען ווי מען קוילעט.

*

פאליטיק איז אן אנשטעקענדע זאך, בפרט קאנווענשאן פאליטיק, וואו אלע וויילע ווערען נייע קאמבינאציעס געשאפען און אלע וויילע ווערען זיי צובראכען.

איך בין א ביסעל באהאווענט אין קאנווענשאנס. איך בין געווען אויף פארשיידענע מינים קאנווענשאנס: ארבייטער רינג קאנווענשאנס, ציוניסטישע קאנווענשאנס, יוניאן קאנווענשאנס, פאליטישע קאנווענשאנס און וויסענשאפטליכע קאנווענשאנס און אומעטום איז איין וועלט. מען מאכט פאליטיק און קאמבינאציעס אפילו אויף וויסענשאפטליכע קאנווענשאנס. ווארים וואו נאר וואהלען מוז זיין פאליטיק און קאמבינאציעס.

און ווען איהר זעהט, אז אנדערע מאכען פאליטיק נעמט איך אן א חשק מיטצושפילען. ווארום פאליטיק איז אזא זאך, וואס אלע מיינען, אז זיי קענען. איינער וועט צוגעבען, אז ער קען ניט שפילען קיין פינאקעל, אבער ער וועט זיך געפינען באליידיגט, ווען מען וועט איהם זאגען, אז ער האט ניט קיין ידיעה אין פאליטיק, בפרט ווען ער איז נאך א דעלעגאט צו דער קאנווענשאן.

נאר אויב איך זאל אורטיילען פון דער קאנווענשאן אין קליוולאנד מוז איך זיך ארויסגעבען אן אטעסטאט פון א גאנץ שוואכען פאליטיקער. איך דארף מודה זיין, אז מיינע פאליטישע קאמבינאציעס, וואס איך האב געמאכט, זיינען כסדר דורכגעפאלען. איך קען זיך בלויז טרייסטען דערמיט, וואס אויף דער קאנווענשאן האב איך געזעהן נאך גרעסערע קאליקעס, ווי איך. זיי האבען קאליע געמאכט, וואו זיי האבען נאר צוגעלעגט א האנד. און גראד האבען די קאליקעס דעם גרעסטען חשק צו מאכען פאליטיק.

*

קיינער איז ניט מחויב צו זאגען, אז אלע באשלוסען פון דער קאנווענשאן זיינען גוט און קלוג, אבער יעדער איז מחויב זיי צו פאלגען. דאס איז דעמאקראטיע.

דעמאקראטיע זאגט ניט, אז די מאיאריטעט איז אלע מאל קלוג און גערעכט. זי זאגט בלויז, אז מען דארף דער מאיאריטעט פאלגען.

און ווער קען באשטימען וואס איז קלוג און גערעכט? די מאיאריטעט זאגט אלע מאל, אז זי איז קלוג און גערעכט און אזוי ווערט עס פארשריבען. מען דארף ווארטען ביז עס וועט קומען א צווייטע מאיאריטעט און זאגען, אז די ערשטע מאיאריטעט איז געווען ניט קלוג און ניט גערעכט. די מינאריטעט דארף דעריבער אויסזוכען די בעסטע ארגומענטען צו איבערצייגען די מאיאריטעט, אז זי איז אומגערעכט. עס איז אבער דערפון ניט געדרונגען, אז די מינאריטעט איז קלוג און גערעכט. ווארום אויב די מינאריטעט וואלט אלע מאל זיין גערעכט און קלוג, וואלטען אלע וועלען באלאנגען צו דער מינאריטעט. ווייל דאך יעדערער זיין קלוג און גערעכט.

*

אין אלגעמיין זיינען די מייסטע באשלוסען אויף דער קאנווענשאן אנגענומען געווארען איינשטימיג. דאס באווייזט, אז אין אלגעמיין קענען מענשען זיך גאנץ גוט צונויפריידען און מענשען פון איין ארגאניזאציע זיינען אין די מייסטע פראגען איינשטימיג. ווען דאס וואלט ניט געווען וואלט עס ניט מעגליך געווען, אז זיי זאלען זיין אין איין ארגאניזאציע. עס זיינען בלויז פאראן ווייניג פראגען אין א יוניאן, אין וועלכע די מיינונגען פון די מיטגלידער געהען זיך פאנאנדער. דאס זיינען מייסטענס פראגען פון א פרינציפיעלען כאראקטער. דאס קומט דערפון, וואס פרינציפיעלע פראגען זיינען די מייסט דיסקוטירבארע פראגען און מענשען געהען זיך הויפטזעכליך פאנאנדער אין פרינציפען.

אלע מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען, למשל, איינפארשטאנען, אז מען דארף קעמפען פאר לענגערע ווידזשעס און א קירצערען ארבייטס־טאג, אבער עס זיינען ביי זיי פאראן מיינונגס־פארשיידענהייטען וועגען די פרינציפען פון דעמאקראטיע, לויט וועלכע די יוניאן דארף געפיהרט ווערען.

נאר די קאנווענשאן אין קליוולאנד האט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואס די דעלעגאטען האבען זיך ניט נאר געאייניגט אויף פראגען פון פראקטישען כאראקטער, נאר אויך וועגען פרינציפיעלע פראגען. די רעזאלוציעס זיינען אנגענומען געווארען אדער איינשטימיג, אדער מיט גאנץ קליינע מינאריטעטען געגען.

*

פרעזידענט גרין פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר איז א גוטער רעדנער און איך האב דעריבער זיין רעדע אויסגעהערט פון אנפאנג ביז'ן סוף, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיין רעדע איז געווען א גאנץ לאנגע.

ווען איך וואלט זיך געטראפען מיט פרעזידענט גרין אונטער פיר אויגען וואלט איך אנגעוויזען, אז ער האט זיך אין זיין רעדע אין מאנכע ערטער גאנץ שטארק ווידערשפראכען, אבער איך דארף זאגען, אז איין ארט פון זיין רעדע איז מיר שטארק געפעלען געווארען. עס איז געווען ווען ער האט גערעדט וועגען דעם קאמף, וואס די יוניאנס דארפען פיהרען פאר א קירצערען ארבייטס־טאג, צוליב די נייע מאשינען און די נייע פראדוקציאנס־מיטלען וואס ווערען שטענדיג געשאפען. אויב עס איז ניטא קיין ארבייט פאר אלע ארבייטער אין דעם 8־שטונדיגען ארבייטס־טאג, האט גרין געזאגט, דאן מוז מען איינפיהרען א קירצערען ארבייטס־טאג. עס מעג זיין אן ארבייטס־טאג פון פינף שטונדען אדער פיר שטונדען. דאס איז דער איינציגער מיטעל ווי צו באזארגען אלע ארבייטער מיט ארבייט.

איך בין מיט דעם געדאנק פאלשטענדיג איינפארשטאנען. אבער איך וואלט וועלען וויסען ביי וועלכען ארבייטס־טאג מען וועט זיך אפשטעלען. עס איז דאך קלאר, אז אויב עס וועט ניט זיין גענוג ארבייט פאר אלעמען אין א פיר־שטונדיגען ארבייטס־טאג וועט מען דאך מוזען פאדערען א דריי־שטונדיגען און אויך א צוויי שטונדיגען ארבייטסטאג. און וואס וועט זיין, אז אויך דאן וועט ניט זיין גענוג ארבייט פאר אלעמען? קען ווער עס איז פאראויסזאגען וועלכע נייע מאשינען און נייע פראדוקציאנס־מיטלען מען וועט אין צעהן אדער אין צוואנציג יאהר ארום געפינען? ווען אן אמעריקאנער טרייד יוניאן פיהרער וואלט מיט א פאר צעהנדליג יאהר צוריק גערעדט וועגען א פיר־שטונדיגען ארבייטס־טאג וואלט מען דאך איהם באטראכט פאר א ווילדען פאנטאזיאר. איצט אבער רעדט וועגען דעם גאנץ ערנסט דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר. און ווען פרעזידענט גרין רעדט שוין יא וועגען אזא מעגליכקייט, דאן מוז ער דאך זיך פארטראכטען און זיך פרעגען: וואו איז דער גרענעץ, ביי וועלכען מען וועט זיך אפשטעלען?

די סאציאליסטען האבען אויף דעם א קלארען און א דייטליכען ענטפער: די ארבייטער וועלען זיך בלויז דאן אפשטעלען מיט זייערע פאדערונגען, ווען אנדערע וועלען אויפהערען מאכען פראפיטען פון זייער ארבייט. און דאס וועט פאסירען, ווען די מאשינען און די פראדוקציאנס־מיטלען וועלען באלאנגען צו די וואס ארבייטען. אבער וואס קען ענטפערען פרעזידענט גרין אויף דער פראגע, ווען ער גלויבט ניט אין סאציאליזם?

*

איך בין געווען דעם ערשטען מאל אויף א קאנווענשאן, וואו עס איז ניט געמאכט געווארען קיין איין איינציגער פאינט אוו ארדער. און ווען דער געשיכטס־שרייבער פון דער אינטערנעשאנאל וועט פארשרייבען מיט וואס עס האט זיך אויסגעצייכענט די צוואנציגסטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין קליוולאנד, וועט ער זיכער צווישען אנדערע אויסצייכנונגען אויך מוזען פארשרייבען, אז עס איז געווען א קאנווענשאן אהן א פאינט אוו ארדער.

איך ווייס ניט ווי אזוי עס האט זיך ברודער שלעזינגער'ן איינגעגעבען דורכצופיהרען די גאנצע קאנווענשאן אהן א פאינט אוו ארדער, אבער ער האט עס באוויזען.

און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז כאטש איין פאינט אוו ארדער זאל געמאכט ווערען. דאס איז געווען מאנטאג אין דער נאכמיטאג־זיצונג, ווען עס איז געקומען צו א רעזאלוציע וועגען ווייבערשע קליידלאך, אבער עס זעהט מיר אויס, אז פרעזידענט שלעזינגער האט באשלאסען, אז עס מוז זיין א קאנווענשאן אהן פאינט אוו ארדערס און אזוי האט עס פאסירט.

ווי איך פארשטעה איז ברודער שלעזינגער ניט קיין פריינד פון פאינטס אוו ארדער און דאס געפעלט מיר, ווייל איך האב אויך ניט ליב קיין פאינטס אוו ארדער, אויסער ווען איך אליין מאך זיי.

איך קלייב זיך אנצושרייבען אמאל א וויסענשאפטליכע אפהאנדלונג וועגען פאינטס אוו ארדער אויף קאנווענשאנס און וויפיל צייט זיי נעמען אוועק, אבער היינט וויל איך בלויז פארשרייבען, אז די קאנווענשאן אין קליוולאנד איז אריבער אהן אן איינציגען פאינט אוו ארדער און אז פרעזידענט שלעזינגער האט דערפאר פארדינט א מעדאל.

דאס ארימע פאלק אין אלטע שטאט־קווארטאלען

פון מ. מינדעלזאן.

דאס ארימע פאלק אין אלטע שטאט־קווארטאלען —
פארפוילטע שינדעלדעכער און אויסגעהאקטע שויבען,
געלע ציגעל ווענט אויף דרענגלאך אנגעשפארט,
און אנשטאט בעטען — פייכטע ערד,
און אנשטאט טיש און בענקלאך — קאסטענס אומגעקערט,
און קינדערלאך פארצערט און אויסגעדארט —
מיט טריבע אויגען ווי ביי טויבען —
קוקען דורך די אויסגעהאקטע שויבען:
דער פאטער קומט צוריק
אן אויסגעמוטשעטער פון דער פאבריק.

און שלאפע מאמעס און קראנקע טעכטער
מיט גליענדיגע אויגען און פיבערדיגע לייבער —
דער גאט פון זייערע תפלות איז א שלעכטער,
בעטען זיי ניט מער, די קראנקע ווייבער.

זיי שקראבען, לופטערען, וואשען און פאררריכטען
מיט ציטערדיגע, אפגעמוטשעטע הענט —
אלטע רעק און צופליקטע אונטערהויזען.
אין סטוכלעס דיה פון פוילע ווענט
געדענקען זיי נאך פעלד־בלימלאך און שלאנקע שטענגלאך
רויזען.

און אויפדערנאכט, ווען אויפ'ן הימעל שטייען קאלטע
שטערן
און זינגען דורך די אפענע פענסטער אריין,
פארגיסט אן ארים מיידעל ביטערע טרערען
וואס גלימערען העל ווי שטערענשיין.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Journal

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union. Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y. Tel. Chelsea 2148

BENJ. SCHLESINGER, Pres. A. BAROFF, Sec'y-Treas.
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XI. No. 38. Friday, Dec. 13, 1929

Entered as second class matter June 5, 1929, at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

וואס די קאנווענשאן האט געשאפען

מיר ווייסען ניט אונטער וואס פאר א נאמען דער געשיכטס־שרייבער פון דער אינטערנעשאנאל וועט פארצייכענען די קאנווענשאן פון קליוולאנד, צי אונטער דעם נאמען יובילעאום־קאנווענשאן, זיגעס־קאנווענשאן, קאמף־קאנווענשאן, אויפלעבונגס־קאנווענשאן, אדער נאך אונטער אן אנדער נאמען, וואס ער וועט אליין צופאסען. זיכער איז אבער איין זאך, אז ער וועט איהר פארשרייבען פאר א גרויסע קאנווענשאן מיט גרויסע אויפטואונגען.

די קאנווענשאן אין קליוולאנד האט געמאכט א רעוויזיע איבער דעם גאנצען ארבייטס־פעלד פון דער אינטערנעשאנאל. עס איז ניט אויסגעלאזען געווארען קיין איינציגער געביט פון דער טעטיגקייט פון דער אינטערנעשאנאל, וואס די קאנווענשאן האט ניט בארירט. ארגאניזאציאנס־פראגען, קאנסטיטוציאנעלע פראגען, בילדונגס־פראגען, קאמפס־פראגען, געזעלשאפטס־פראגען, פאליטישע פראגען און א גאנצע רייה אנדערע פראגען זיינען אויף דער קאנווענשאן באהאנדעלט געווארען. מיר ווייסען ניט, אויב די אינטערנעשאנאל האט געהאט אן אנדער קאנווענשאן, אויף וועלכער עס זאלען אזוי פיל פארשידענע פראגען פון אזוי פיל פארשידענע געביטען בארירט ווערען.

און מען דארף דאך ניט פארגעסען אין וואס פאר א צושטאנד די אינטערנעשאנאל האט זיך געפונען נאך ניט לאנג צוריק.

נאך ערשט מיט א האלב יאהר צוריק איז די אינטערנעשאנאל געווען צובראכען און צושטערט. די קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק, וועלכע איז דער רוקען־ביין פון דער אינטערנעשאנאל איז געווען רואינירט. און ווען די קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק האט זיך געמאטערט מיט איהר עקזיסטענץ, האבען די יוניאנס אין דער פראווינץ כמעט אין גאנצען ניט געלעבט.

עס האט זיך אבער אלץ געענדערט מיט דעם זיגרייכען קלאוקמאכער סטרייק אין ניו יארק. דער זיגרייכער סטרייק האט אויפגעלעבט די קלאוקמאכער יוניאן און מיט דער אויפלעבונג פון דער קלאוקמאכער יוניאן האט אויפגעלעבט די גאנצע אינטערנעשאנאל. און אט די אויפלעבונג האט זיך באזונדערס קלאר אפגעשפיגעלט אויף דער קאנווענשאן אין קליוולאנד.

די דעלעגאטען זיינען פון זייערע היימען ארויסגעפאהרען מיט דעם צופרידענעם געפיהל, אז זיי קומען צו דער קאנווענשאן פארטרעטען אויפגעלעבטע, טעטיגע יוניאנס, וועלכע זיינען נאך מיט א גאנץ קנאפער צייט צוריק געווען צובראכען און צושטערט. די דעלעגאטען זיינען ארויסגעפאהרען מיט דעם געפיהל, אז אויף דער קאנווענשאן אין קליוולאנד דארפען אויסגעטאן ווערען גרויסע זאכען, אז מען דארף דארטען שאפען דעם צעמענט, וואס זאל שטארקער און פעסטער פאראייניגען די יוניאן און אז מען דארף דארטען שארפער מאכען די וואפען, מיט וועלכע די יוניאן דארף אויסקעמפען א בעסערען און א לייכטערען לעבען פאר איהרע מיטגלידער. די דעלעגאטען האבען געפיהלט, אז זיי האבען אויף זיך א גרויסע פאראנטווארטליכקייט און אט דער געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט האט זיך אויסגעדריקט אין דער גאנצער קאנווענשאן און אין אלע באשלוסען, וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען.

עס זיינען אויף דער קאנווענשאן אויסגעדריקט געווארען מיינונגס־פארשידענהייטען אין מאנכע פראגען, אבער אט דער אויסטויש פון מיינונגען האט קיין מאל ניט געשטערט די איינינקייט און די הארמאניע, וואס האט אויף דער קאנווענשאן עקזיסטירט. דער אויסטויש פון מיינונגען, וואס איז געפיהרט געווארען דורכאויס אינטעליגענט און מיט געגענזייטיגער אכטונג, האט אויסגעשטעלט די קאנווענשאן אויף א באזונדערער הויך. עס האט די קאנווענשאן אינטערעסאנטער און לעבעדיגער געמאכט און האט די דיסקוסירטע פראגע קלעהרער געמאכט. די דעלעגאטען האבען קלאר געוואוסט, וואס זיי ווילען און האבען געוואוסט פאר וואס זיי שטימען. עס איז אויף דער קאנווענשאן ניט פארגעקומען אזוינס, וואס מען איז געוועהנט צו באצייכענען מיט'ן ווארט „דורכגעשטופט". קיינער האט ניט געזוכט עטוואס „דורכצושטופען" און וואלט עס איינער פרובירט וואלט מען איהם זיכער ניט געלאזען. פריהער פון אלעמען וואלט עס ניט געלאזען דער פרעזידענט פון דער קאנווענשאן, ברודער שלעזינגער, וועלכער האט די גאנצע צייט פון דער קאנווענשאן מיט א באזונדערער אויפמערקזאמקייט אויפגעפאסט, אז די פראגען וואס ווערען פארהאנדעלט, זאלען דורכאויס קלאר געמאכט ווערען און פארשטאנען ווערען פון די דעלעגאטען.

אונז וועט אויסקומען זיך אפצושטעלען אויספיהרליכער אויף מאנכע באשלוסען פון דער קאנווענשאן. נאר פריהער ווי אלע אנדערע ווילען מיר אונטערשטרייכען די באשלוסען וועגען רעפערענדום פאר די העכסטע באאמטע און גענעראל־עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנאל און פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט.

און דאס איז ניט, ווייל מיר רעכענען די צוויי באשלוסען פאר די וויכטיגסטע פון דער קאנווענשאן, נאר ווייל אט די צוויי פראגען — רעפערענדום און פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט — האט א צייט לאנג באאונרוהיגט א גרויסען טייל פון די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל.

מיר ווילען דא ניט בארירען די פראגע אויף וויפיל די נייע דעמאקראטישע רעפארמען פון רעפערענדום און פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט זיינען וויכטיג פאר דער יוניאן און אויף וויפיל זיי וועלען איהר העלפען אין א'הר ווייטערדיגער אנטוויקלונג. די פראגע פון מעהר דעמאקראטיע, אדער ווייניגער דעמאקראטיע אין יוניאנס איז א גאנץ אלטע און עס הערשט ביי טרייד־יוניאן פיהרער און טרייד־יוניאן טעארעטיקער פארשידענע מיינונגען וועגען איהר. מאנכע גלויבען, אז וואס מעהר דעמאקראטיע עס ווערט איינגעפיהרט אין א יוניאן, אלץ בעסער איז עס. מאנכע, אבער, גלויבען, אז דער כלל וואס „צו" איז אומגעזונד דארף אויך אנגעווענד ווערען וועגען דעמאקראטי אין דער יוניאן. צופיל דעמאקראטיע, זאגען זיי, טויג ניט פאר יוניאנס. אבער אויף דער קאנווענשאן איז די פראגע געווען א ווייניגער טעארעטישע, ווי א פראקטישע. דאס פאלק האט די רעפארמען פארלאנגט. א מאיאריטעט פון די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן זיינען אינסטרואירט געווארען פון זייערע יוניאנס, אז זיי זאלען פאדערען רעפערענדום און די גרעסערע יוניאנס האבען אויך אינסטרואירט זייערע דעלעגאטען, אז זיי זאלען פאדערען פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט.

אט די דעמאקראטישע רעפארמען, ווי רעפערענדום און פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט זיינען גאנץ באזונדערס פאפולער ביי די קלאוקמאכער און דרעסמאכער אין ניו יארק. א סך היים בלוט איז געמאכט געווארען אין ניו יארק וועגען אט די פראגען. און דאס בלוט וואלט נאך הייסער געווארען, ווען די קאנווענשאן וואלט אט די דעמאקראטישע רעפארמען ניט אנגענומען.

עס איז אמת, אז אין דעם איפרוף, וואס איז ארויסגעלאזען געווארען פון דער גענעראל־עקזעקוטיווע ערב דעם קלאוקמאכער סטרייק, זיינען קיין שום באשטימטע פארשפרעכונגען ניט געמאכט געווארען וועגען רעפערענדום און פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט. אין דעם איפרוף איז בפירוש געזאגט געווארען, אז אזעלכע רעפארמען אין דער אינטערנעשאנאל קען בלויז דורכפיהרען א קאנווענשאן. אבער די קלאוקמאכער האבען פארשטאנען פון דעם טאן און פון דעם גייסט פון דעם איפרוף, אז די פיהרער פון דער יוניאן וועלען באנוצען זייער איינפלוס אויף דער קאנווענשאן, אז די דערמאנטע רעפארמען זאלען אנגענומען ווערען. און די פיהרער האבען זיך ווירקליך מיט דעם אומשטאנד גאנץ שטארק גערעכענט אויף דער קאנווענשאן. די געגנער פון רעפערענדום, און אזעלכע זיינען געווען ניט ווייניג, האבען זיך גערעכענט מיט דער שטימונג, וואס עס הערשט צווישען די מיטגלידער פון מעהרערע יוניאנס פון דער אינטערנעשאנאל און זיי האבען זייער געגנערשאפט אויפגעגעבען, כדי צו שאפען וואס מעהר איינינקייט און מעהר הארמאניע אין דער יוניאן.

און די קאנווענשאן האט זיך ווירקליך אויסגעצייכענט מיט איהר הארמאניע און גייסט פון איינינקייט. די קאנווענשאן אין קליוולאנד האט זיך געעפענט אין הארמאניע און איינינקייט און זי האט זיך אין דעמזעלביגען גייסט געשלאסען. די דעלעגאטען זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן מיט איין באשטימטער אויפגאבע — בויען און שטארקער מאכען די יוניאן, פאראייניגען די מיטגלידער און זיי מאכען פעהיגער צום קאמף פאר א בעסערען, לייכטערען און א זיכערערען לעבען און זיי האבען זייער אויפגאבע גלענצענד ערפילט. די אינטערנעשאנאל איז ארויסגעקומען פון דער קליוולענדער קאנווענשאן מעהר פארשטארקט און מעהר פאראייניגט און זי וועט זיכער דורכפיהרען מיט דעם גרעסטען ערפאלג די אלע קאמפען, וואס איהר שטעהט פאר. די קאנווענשאן איז געווען אין א קאמפס־שטימונג און זי האט אינדארסירט א גאנצע רייה סטרייקס אין פארשידענע שטעדט. מיר זיינען זיכער, אז זיי וועלען אלע אויסגעקעמפט ווערען מיט ערפאלג. די קאנווענשאן האט אויסגעשמידט די בעסטע וואפען פאר דעם קאמף. איינינקייט איז די בעסטע וואפע מיט וועלכער די ארבייטער קענען געווינען זייער קאמף און די קאנווענשאן האט די איינינקייט געשאפען.

אברהם ביזנא.

די ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, ניט בלויז די אידישע, האט געליטען א גרויסען פארלוסט אין דעם פריצייטיגען טויט פון אברהם ביזנא.

אברהם ביזנא האט זיין טעטיגקייט ניט באגרענעצט מיט דער אידישער ארבייטער־באוועגונג. ער איז געווען טעטיג אומעטום, וואו ער האט נאר געקענט ברענגען נוצען די ארבייטער. נאר דאך האט ביזנא זיך מער ארויסגעוויזען אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג און באזונדערס אין דער קלאוק מאכער יוניאן.

ביזנא איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער קלאוק מאכער יוניאן אין שיקאגא. ער אליין איז געווען א קלאוקס אפערייטאר. ער האט זיך די מלאכה איסגעלערענט אין אמעריקא, וואו ער איז געקומען אין דעם אנפאנג פון די אכציגער יאהרען פון פאריגען יארהונדערט, ווען ער איז נאך געווען א יונגער אינגל. אין ביזנא האט ארויסגעוויזען א סך געהולד אין זיין יוניאן טעטיגקייט. ער איז ניט ארייגעפאלען אין א פארצווייפלונג, ווען די יוניאן, וואס ער האט געגרינדעט, איז צופאלען געווארען אין געגענטייל. ער האט געמאכט נייע אנשטרענגונגען צו גרינדען א נייע יוניאן. ער האט אויך שפעטער געגרינדעט אין שיקאגא די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און האט זיך אקטיוו באטייליגט אין גרינדען אנדערע יוניאנס, אויסער וואס ער איז געווען זעהר טעטיג אין דער סאציאליסטישער באוועגונג.

די קלאוק מאכער פון ניו יארק זיינען באקאנט געווארען מיט ביזנא'ן, ווען ער איז אין יאהר 1912 אנגעשטעלט געווארען פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן אלס „טשיף קלוירק", ווי דאס האט דאן געהייסען אויף דער שפראך פון „פראטאקאל".

ביזנא איז בלויז א קורצע צייט געווען פארבונדען מיט דער קלאוק מאכער יוניאן אין ניו יארק, אבער ער האט אין דער קורצער צייט פארשריבען א וויכטיגען קאפיטעל אין דער געשיכטע פון די קלאוק מאכער. ביזנא איז געווען, קען מען זאגען, דער טעארעטיקער, דער פילאזאף פון קלאוקס. ביזנא האט זיך ניט גוט ארייגגעפאסט אין דער סיטואציע, וואס האט דאן געהערשט אין דער קלאוק מאכער יוניאן. ער האט זיך ניט געקענט צוזאמענלעבען מיט דעם „פראטאקאל" און באזונדערס מיט די מענשען, וואס זיינען ארום „פראטאקאל" געשטאנען. ער, דער פראקטישער טרייד־יוניאניסט און דער טעארעטיקער פון קאלעקטיווע אפמאכען, האט געהאט זיין ערשטען גרויסען טרייד־יוניאניסטישען דורכפאל, ווען ער איז געשטעלט געווארען אויף דער פראבע דורכצופירען אין לעבען דעם ערשטען גרויסען קאלעקטיווען אפמאך, דעם „פראטאקאל", פון זיינע אייגענע קלאוק מאכער.

ביזנא איז געווען מער א טרייד יוניאן לערער, ווי א טרייד יוניאן פירער. ביזנא האט זיך געקענט פארטיפען אין די פארשידענע טרייד יוניאן פראבלעמען און זיי קלאר מאכען פאר זיינע צוהערער. ביזנא האט אין דער קורצער צייט, וואס ער איז געווען פארבונדען מיט דער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק, ארויסגעבראכט א גאנצע רייה פראבלעמען פון דעם קלאוק טרייד און האט זיי פאפולער געמאכט צווישען דעם גרויסען, ברייטען קלאוק מאכער עולם. ער האט ניט נאר געהאט די פעהיגקייט זיך טיף ארייגצוטראכטען אין א פראגע, נאר ער האט אויך געהאט די פעהיגקייט צו פאראינטערעסירען אנדערע מיט די פראגען, וואס האבען איהם באאונרוהיגט.

ביזנא איז געווען איינער פון די ווייניגע, וואס האט צוזאמענגעבונדען זיין סאציאליזם מיט דעם אמעריקאנער טרייד יוניאניזם און ער האט מיט זיך געוויזען א גוטען ביישפיל, אז מען קען זיין א פרינציפיעלער אומגעהאלטענער סאציאליסט און דאך זיין א גוטער, פראקטישער אמעריקאנער טרייד יוניאניסט. היינט ווייסען דאס שוין א סך, אבער מיט יאהרען צוריק האבען עס בלויז גאנץ ווייניגע געוואוסט.

מיר פארמאגען זעהר ווייניג אזעלכע אידעאליסטישע מענשען ווי ביזנא איז עס געווען און אזעלכע איבערגעבענע צו דער ארבייטער באוועגונג. זיין פריצייטיגער טויט וועט דעריבער זעהר שטארק באדויערט ווערען פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג און פון אלע פריינד פון ארבייט.

דרעסמאכער אויפ'ן שוועל פון קאמף

פון נ. מ. מינקאף.

דאנערשטאג, דעם 5טען דעצעמבער, האט די טעגליכע פרעסע אנאנסירט די נייעס, אז די אינטערנעשאנעל קאנווענשאן, וועלכע האט נאר וואס פארענדיגט אירע זיצונגען אין קליוולאנד, האט איינשטימיג באשלאסען, אז א גענעראל סטרייק אין דער ניו יארקער דרעס אינדוסטריע זאל גערופען ווערען ביים אויסגאנג פון די עקזיסטירענדע אגרימענטס, וועלכע די יוניאן האט מיט די בעל הבתים. אזוי ווי די אגרימענטס געהען אויס ענדע פון דעם מאנאט, מיינט עס אז די דרעסמאכער זיינען פאקטיש אויפ'ן שוועל פון אן אפענעם קאמף געגען זייערע בעל הבתים.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די דערמאנטע ענטשיידונג מצד דער קאנוועשאן איז ניט געקומען אומערווארטעט — די באטרעפענדע דרעס לאקאלען און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האבען שוין זייט א לאנגע צייט פעסט אויסגעדריקט זיך פאר א סטרייק — האבען אבער די ווערטער „גענעראל דרעס סטרייק" פארשפרייט זיך מיט דער שנעלקייט פון א בליץ איבער'ן גאנצען דרעס מארקעט. מיט פרייד אין די הערצער און אמת'ער באגייסטערונג האבען אלטע און יונגע דרעס ארבייטער, אין די שעפער און אויף די גאסען, גערעדט וועגען דעם קומענדען סטרייק. ניט חלילה דערפאר וואס זיי ווילט זיך סתם סטרייקען, נאר דערפאר וואס זיי קענען שוין מעהר ניט פארטראגען די ליידען און שווערינקייטען, וועלכע די בעל הבתים צווינגען אויף זיי ארויף.

אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר האט די דרעסמאכער יוניאן אנגעפירט פעריאדישע קאמפיינס אדער דרייווס. דער לעצטער קאמפיין, וועלכער איז פארענדיגט געווארען ענדע מאנאט נאוועמבער, איז געווען דער ערפאלגרייכסטער. איבער 200 שעפער זיינען ארגאניזירט געווארען און די יוניאן האט צוגעקראגען איבער 3500 נייע מעמבערס. אויבערפלעכליך איז עס א וואנדערבארער אויפטו. אין דער אמת'ן אבער איז עס נאר א טראפען וואסער אין ים. עס איז ווייט ניט גענוג ארייצוברענגען א שטיקעל ארדנונג אין טרייד, וועלכער איז אין די לעצטע פאר יאהר געוואקסען און איבערגעוואקסען דעם גאנצען קלאוק טרייד.

פאר יעדען קאנטראקטאר שאפ, וואס איז דורך דיזע קאמפיינס ארגאניזירט געווארען, זיינען אויסגעוואקסען א צענדליג סקעב שאפעס. פאר יעדען מאנופעקטשורער, וועלכער האט אונטערגעשריבען א קאנטראקט מיט דער יוניאן, זיינען צוגעקומען עטליכע נאן-יוניאן דזשאבערס. דער סך הכל איז, אז אנשטאט צו קריגען א שטארקערען קאנטראל אין טרייד, פארמאכען זיך די אפענע אדער סקעב שעפער און די יוניאן פארלירט צו ביסלאך איהר באדען.

די קאנקורענץ מצד דער קליינער צאהל יוניאן שעפער געגען דעם געוואלדיגער גרויסער צאהל אפענע שעפער ווערט שארפער און ענדיגט זיך געוויינליך צום גונסטען די לעצטע. אנגעפירט ווערט די קאנקורענץ אויפ'ן חשבון פון די ארבייטער. שניידט איין ארבייטער דעם צווייטענ'ס הארץ ביז עס האט שוין פאקטיש דערגרייכט די שטופע אז עס איז נימא וואס צו „שניידען".

דער צושטאנד אין די אפענע שעפער איז אזוי טיעף געזונקען, אז מען ארבייט היינט צוטאג אפען מיט ארויסהעלפער; מען שלאפט טעג און נעכט, שבת און זונטאג, און ערשט דאן געהט מען אהיים מיט גארניט. ניט פיעל בעסער איז די לאגע אין די יוניאן שעפער. שטעלט מען זיך איין פאר נאך א ניקעל אויפ'ן מקח פון א דרעס, זאגט מען אייך באלד, אז „נעקסט דאר" ווערט דיזעלבע דרעס געמאכט מיט 10 און 15 סענט ביליגער. אין א סך פעלע איז עס טאקע אן אמת. פאלען די סטענדארדס. זינקען נידעריגער די פרייזען. ארבייט מען בחנם אום די באנדלאך זאלען זיך ניט „אוועקקייקלען" אין די „נעקסטדאריגע" שאפעס. דער ארבייטער ווערט ענטמוטיגט און פארצווייפעלט.

אט דעריבער ריידען די דרעסמאכער מיט אזא געניאלען ענטוזיאזם פאר א גענעראל סטרייק, א סטרייק, וועלכער זאל איינמאל פאר אלעמאל אפשאפען דיזען הפקר-צושטאנד; א סטרייק, וועלכער זאל פארזיכערען יעדען ארבייטער — מאן אדער פרוי — מיט א מעגליכקייט צו פארדינען אויף א לעבען צו מאכען און באהאנדעלט ווערען ווי מענשען און פרייע בירגער און ניט ווי קיין שקלאפען.

אז די טויזענטער דרעסמאכער זיינען פארטיג צו ענטפערען דעם רוף פון דער אינטערנעשאנעל און אנשליסען זיך אן איהרע רייהען איז גאר קיין ספק ניט. דאס האט קלאר באוויזען דער לעצטער ארגאניזיישאן קאמפיין. צעהנדליגע שעפער האבען זיך אליין געווענדעט צום אפיס מען זאל זיי ארגאניזירען. אנדערע האבען בלויז געווארט אויף דעם סיגנאל פון די קאמיטעס, אום צו פארלאזען זייערע שעפער. די ארבייטער האבען זיך פריי אנגעשלאסען אן דער יוניאן, באצאהלענדיג א באדייטענדען איינטריטס-געלד. זיי האבען עס געטאן וויסענדיג אז ניט אלע בעל הבתים וועלכע האבען אונטערגעשריבען קאנטראקטען מיט דער יוניאן, האבען בדעה געהאט זיי אויסצוצאלען. די ארבייטער האבען אבער געוואוסט אז עס איז פיעל בעסער צו האבען אפילו א שלאפען יוניאן שאפ, איידער איינגאנצען א סקעב שאפ.

דער ערווארטעטער קאמף אין דרעס טרייד וועט, אהן צווייפעל, זיין א פארביטערטער און אן ענטשידענער, ווייל אויב עס איז ווען געווען א בארעכטיגטער קאמף, וועט דאס זיין דיזען מאל. אין דער געשיכטע פון אונזערע יוניאנס זיינען ווארשיינליך געווען פעלע וואן סטרייקס זיינען גערופען געווארען בלויז אום דורכצופיהרען געוויסע פונקטען פון אגרימענט אדער אזעלכע וואו די יוניאנס זיינען באשטאנען אויף געוויסע אויסבעסערונגען. אין דעם איצטיגען פאל האנדעלט זיך עס אבער וועגען א פיל וויכטיגערען ענין. ניט וועגען דעם אדער יענעם פונקט, נאר וועגען ארגאניזירען דעם טרייד, אויסראטען די סוועט-סיסטעם און פארניכטען די אמאליגע פאנסטשינג, וועלכע האט געוואגט אויפהויבען דעם קאפ אין א טרייד וועלכער באשעפטיגט איבער 80 פראצענט אידישע ארבייטער.

דער דרעס טרייד איז אין די לעצטע פאר יאהר זעהר שנעל און שטארק געוואקסען. ער איז איצט איינער פון די גרעסטע און רייכסטע אינדוסטריען אין לאנד. די אינסייד מאנופעקטשורערס און דזשאבערס זיינען, אויף דעם ארבייטער'ס חשבון רייך געווארען און מיט זייער רייכטום האבען זיי זיך ערווארבען א מיאוסען דעספאטיזם; א פרעכהייט, וועלכע האט זיך געפאסט פאר די 90-ער יאהרען. עס איז דא בלויז איין מיטעל, דורך וועלכען דיזע איבלען וועלען אויסגעראטען ווערען; איין מיטעל וועלכער קען פארניכטען די הונדערטע פייערפאסטקעס און סקעב נעסטען. דער מיטעל איז א גענעראל סטרייק אין גאנצען טרייד און דאס איז די מיסיע, וועלכע די אינטערנעשאנעל נעמט זיך איצט דורכצופיהרען.

אויף ווי ווייט מיר זיינען באקאנט מיט דעם סענטימענט פון די דרעסמאכער, זיינען מיר זיכער, אז דער קומענדער סטרייק וועט זיין א פאלשטענדיגער ערפאלג. ערשטענס, וועט דער גענעראל סטרייק זיין אונטער דער פערזענליכער פיהרערשאפט פון פרעזידענט שלעזינגער, וועמעס רעפוטאציע אלס אנפיהרער פון ערפאלגרייכע ארבייטער קעמפע האט קיין גלייכען ניט אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. ניט קוקענדיג אויף זיין שוואכען געזונט-צושטאנד, ווערט דער גרעסטער טייל פון דער צוגרייטונגס-ארבייט פאר דעם קומענדען סטרייק אנגעפיהרט אונטער שלעזינגער'ס אויפזיכט און מיט זיין מיטווירקונג. אויף א מיטינג פון אלע דרעס עקזעקוטיוו באארדס, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארען איידער דער קאנווענשאן, האט ער, רעדענדיג וועגען סטרייק, געמאכט די פאלגענדע באמערקונג: „ביי דעם איצטיגען מאמענט אינטערעסירט מיר קיין אנדער זאך, פערזאן אדער פאסירונג, אויסער אייער קומענדען גענעראל סטרייק. אויב דאס זאל אפילו זיין די לעצטע זאך וואס איך וועל טאן, מוז אייער סטרייק זיין א פאלשטענדיגער ערפאלג".

צווייטענס, האבען מיר א שטארקען בטחון אין דעם קלארען-באוואוסטזיין און קאמפלוסטיגקייט פון די דרעסמאכער, וועלכע האבען זיך שוין פון לאנג ערווארבען א נאמען אלס בראווע קעמפער. די געשיכטע פון דער דרעסמאכער יוניאן איז פול מיט גלאררייכע עראבערונגען, וועלכע זיינען אויסגעפאכטען געווארען אויפ'ן אפענעם אינדוסטריעלען שלאכטפעלד. ווער געדענקט ניט דעם היסטארישען סטרייק פון די ווייסטמאכער — איצטיגע דרעסמאכער — מיט 20 יאהר צוריק? יענער סטרייק, אין 1909, שטעלט מיט זיך פאר דעם שענסטען בלאט אין דער געשיכטע פון דער היגער ארבייטער באוועגונג. ניט די 20 לאנגע יאהר און ניט די פילע שווערינקייטען, וועלכע די יוניאן האט געמוזט דורכמאכען דורך דיזער צייט, האבען באוויזען צו מינדערען די אפפערווילינקייט און סאלידאריטעט פון יענעם קאמף. 1909 איז עד היום פארבליבען „דער הויכער פעדער אין דער אינטערנעשאנאל'ס העט". די וועטעראנען פון יענעם קאמף און פון די קעמפע פון 1913, 1919 און 1923 שטעלען מיט זיך פאר דעם רוקענביין פון דעם ערווארטעטען קאמף. די, צוזאמען מיט די טויזענטער איינגערע אקטיווע מעמבערס, וועלכע די דרעס לאקאלען האבען צוגעקראגען אין די לעצטע פאר יאהר, וועלען געוויס זיין די ערשטע צו פארנעמען די פאדערשטע רייהען טרענטשעס. היסטאריקער זאגען אז געשיכטע ווידערהאלט זיך. און מיר זיינען זיכער, אז דער קאמף פון 1929 וועט זיין א כבוד פאר די קעמפער פון 1909 און פאר אונז אלעמען פון היינטיגען דור.

פרייט זיך דרעסמאכער! עס דערנענטערט זיך די שטונדע פון קאמף!

עס דערנענטערט זיך דער טאג פון אייער באפרייאונג.

קלאוקמאכער אין קענעדע ווערען טעטיג

פון ב. שעהן, דזשענעראל ארגאנייזער א. ל. ג. וו. י.

ס'איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז דורך דער צייט פון צוטומלעניש און צוריסענקייט אין די רייען פון אונזער אינטערנעשאנעל, זיינען געבליבען זעהר ווייניג שטעדט אין די פאראייניגטע שטאטען און קאנאדא, וואו נאר מיר האבען געהאט א יוניאן, וואס איז אויסגעלאזען געווארען פון דער מגפה, וואו די צושטערענדע קראפט זאל ניט האבען געליינגט איהר שטעמפעל. פארשטעהט זיך, אז טאראנטא און מאנטרעאל זיינען ניט אויסגעלאזען געווארען. און אבוואהל מיר האבען געהאט שטארקע יוניאנס אין ביידע שטעדט אין 1925 און 1926, האט די „לינקע מגפה" געווירקט, אז די יוניאנס אין ביידע שטעדט זיינען כמעט ווי אפגעווישט געווארען.

אין מאנטרעאל האבען די לינקע פארכאפט די יוניאן נאך פריהער ווי איבעראל, דערפאר איז די יוניאן איינגאנצען פארניכטעט געווארען אין 6 מאנאטען פון זייער ממשלה. זייער „פעהיגע" פיהרערשאפט איז געווען אזוי פארנומען מיט אטאקירען די אינטערנעשאנעל, אז די באלעבאטים האבען געהאט א זעהר לייכטען דזשאב צו אונטערדריקען די ארבייטער, אוועקנעמען אלע געווינסען און פארניכטען די יוניאן ביז ארונטער. מיינט אויך ניט, אז דארט איז געווען לייכט צו בויען די יוניאן. לויט ווי די קלאוקמאכער גיבען מיר איבער, האבען זיי דורכגעמאכט שווערע קעמפע און גענוג מארטירער זיינען געשאפען געווארען, ביז די יוניאן איז אויפגעבויט געווארען, א יוניאן וואס האט איינגעפיהרט קאנדיציאנען אין די שעפער, א יוניאן וואס איז געווען מעכטיג גענוג צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער צו יעדער צייט.

אומגעפער דאס זעלבע האט אויך פאסירט אין טאראנטא, מיט רער איינציגער אויסנאמע, וואס דארט איז בלויז געלונגען די באסעס, צוליב די אינערלאכע צאנקערייען און די צושטערענדע קרעפטען, שטארק אפצואשוואכען די יוניאן, אבער ניט פארניכטען. א צאל איינגעשפארטע געטרייע יוניאן לייט, מיט דער הילף פון ברודער קירזנער, וויס-פרעזידענט פון טאראנטא, האבען פאר קיין פאל ניט געוואלט אויפגעבען דעם קאמף פאר א יוניאן און ס'איז זיי ביז א געוויסען גראד געלונגען. זיי האבען אנגעהאלטען אן אפיס די גאנצע צייט, מיט איינינגע יוניאן שעפער. קיין איינפלוס אויף דעם טרייד אלס גאנצען האבען זיי אבער ניט געקענט האבען. צופיל בלוט איז פארלארען געגאנגען דורך די אינערליכע קעמפע.

די איצטיגע לאגע פון טרייד

מאנכע פון אונזערע שוועסטער און ברידער פון אנדערע שטעדט וועלען געוויס פרעגען, ווי האט די אפוועזענהייט פון א שטארקע יוניאן אין די ביידע שטעדט געווירקט אויף דעם טרייד? ווימאנגען אין דער צייט פאר דעם גענעראל מאנגען אין דע רצייט פאר דעם גענעראל סטרייק פון 1910 אין ניו יארק, כפלט די שרעקליכע קאנדיציאנען. וואס האבען דאן עקזיסטירט 4 אדער 5 מאל און איהר וועט האבען א שטיקעל באגריף וואס עס טוט זיך איצט אין טאראנטא און אויך אין מאנטרעאל, ספעציעל אין טאראנטא.

נעמט צ. ב. ש. אזא פאל. געווען דא א שאפ מיט דעם נאמען עקמי קלאוק קא. האבען דארטען געארבייט אומגעפער 40 אדער 50 ארבייטער, האבען זיי געמאכט א גאנץ שעהנעם לעבען אונטער יוניאן קאנדישאנס. די פארדינסטען צו יענער צייט זיינען געווען אומגעפער 60 און 70 דאלאר א וואך. געארבייט האט מען 44 שטונדען פאר די נעלם. איז דער שאפ דורך דער צייט געווארען אויס יוניאן שאפ, איז איצט דער עווערעדזש ווייזשעס ניט מעהר ווי 18 און 20 דאלאר א וואך. אמת, עס זיינען נאך איצט דא עטלאכע ארבייטער וואס פארדינען ביז 50 דאלאר א וואך, אבער דא ציינט זיך ערשט ארויס דער טייוועלשער שפיל. יעדער איינער פון אט די געזאלבטע ארבייטער האט נעקראגען עטליכע פערדלאך, דאס הייסט ארויסהעלפער, וועמעס ווייזשעס עס פאנגען זיך אן פון 8 און עס ענדיגען זיך ביז 15 דאלאר א וואך. מען עקספלואטירט זיי פון 12 ביז 15 שטונדען א טאג, און פאר די שמוציגע ארבייט פון עקספלואטירען אומשולדיגע יונגע באיעס און מיידלאך פארדינען די איצטיגע ניט יוניאן לייט ווייניגער ווי זיי האבען פארדינט מיט א פאר יאהר צוריק, ווען זיי האבען באלאנגט צו דער יוניאן. קען מען דאך מיינען, אז דער שאפ איז אן אויסנאהם, איז דאס ליידער א גרויסער טעות, די מאיאריטעט פון שעפער אין טאראנטא ווערען אפערירט אויף דעמזעלבען סיסטעם.

ווענען שטונדען איז דאך אפגערעדט, די פרייזען פון דער ארבייט זיינען אזעלכע קלענליכע, אז די ארבייטער אליין זיינען העכסט צופרידען ווען דער באס ערלויבט זיי צו ארבייטער אביסעלע שפעטער. מען זאגט אפילו אז אין די מעהרסטע שעפער קומט מען ניט אריין פריהער פאר 7 אזייגער אין דער פריה און זיי קומען ניט אהיים שפעטער פאר 11 א זייגער ביינאכט.

קומט צ. ב. ש. א פינישערין אין אפיס פון דער יוניאן בעטען א דזשאב, ערקלערט זי אז זי האט געארבייט אין איינעם פון די גרעסטע שעפער אין טאראנטא, די סופיריאר קלאוק קא.. קלאוקמאכער שושקען זיך, אז די פעסטונג וועט זיין שוער איינצונעמען. וועלען מיר זיי

(שלוס אויף זייט 8)

אויף דער קליוולענדער קאנווענשאן

בילדער און איינדריקע פון פ. דעמביצער.

די 20טע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן, וואס איז נאר וואס פארגעקומען אין קליוולאנד, איז געווען א קאנווענשאן פון פרייד און באגייסטערונג איבער'ן זיג און ווידערגעבורט פון דער גרויסער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן אין ניו יארק, און איבער דער צוריקגעוואונענער קאמפס־פעהיגקייט פון דער גרויסער און שטאלצער אינטערנעשאנעל.

אט די פרייד און באגייסטערונג האט זיך געפיהלט אין יעדען ווינקעלע פון דעם קאנווענשאן זאל, און זי האט ארויסגעשיינט פון די יום־טוב'דיגע געזיכטער פון אלע דעלעגאטען און געסט, וואס האבען זיך געפונען אויף דער קאנווענשאן אין קליוולאנד.

די קאנווענשאן טעג זיינען געווען טעג פון פרייד און צופרידענהייט איבער'ן גרויסען זיג, וואס די אינטערנעשאנעל האט לעצטענס געהאט איבער איהרע אינערליכע און אויסערליכע שונאים; עס זיינען געווען הערליכע דעמאנסטראציאנס טעג פון געגענזייטיגער הארמאניע, וואס עס הערשט איצט צווישען מאסען און פיהרער אין דער גרויסער ווידערגעבוירענער אינטערנעשאנעל.

אין צייכען פון אט דער געגענזייטיגער הארמאניע און צוטרוי, פון פרייד און באגייסטערונג איז די קאנווענשאן ערעפענט געווארען.

* * *

עס איז געווען מאנטאג, דעם 2טען דעצעמבער, עלף א זייגער בייטאג, ווען די פארטרעטער פון קלאוק און דרעסמאכער איבער'ן גאנצען לאנד האבען אריינגעמארשירט אין געשלאסענע רייהען אין'ם הערליך שעהן־דעקארירטען האל פון פאבליק אודיטאריום אין קליוולאנד צו דער ערעפענונגס־זיצונג פון דער 20־טער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן.

געקומען זיינען זיי אין האל אריין באגלייט פון טויזענטער קליוולאנדער קלאוק און דרעס מאכער, וועלכע האבען לכבוד דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן געווארפען די ארבייט און זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן מאניפעסטירען זיין טיפסטען אויסדרוק פון פרייד און אנערקענונג איבער'ן זיג, פון זייער אינטערנעשאנאל, וועלכע האט ווידער צוריקגעוואונען די אמאליגע קראפט און איהר אלטען פרעסטיזש.

דער אריינמארשירען אין קאנווענשאן האל פון די דעלעגאטען און דעמאנסטראנטען האט מיט זיך פארגעשטעלט א מערקווירדיג בילד. עס איז געווען א בילד פון פרייד, ליבע, העכסטער באגייסטערונג און גלייכצייטיג א בילד פון דיסציפלין און גוטער ארגאניזאציע.

דער אריינמארש האט געדויערט העכער א האלבע שעה צייט. צוערשט האט אריינגעמארשירט די דעלעגאציע, אונטער דער אנפיהרונג פון פרעזידענט שלעזינגער, עקטינג פרעזידענט דובינסקי, דעם אינטערנעשאנעל סעקרעטער אב. באראף, דעם טשערמאן פון דער קאנווענשאן אראנדזשמענטס קאמיטע, וויס־פרעזידענט טשארלס קריינדלער, און פון די וועטעראנען פון דער אינטערנעשאנעל, אב. ראזענבערג און סאול פאלאקאף, וועלכע זיינען, צוזאמען מיט פרעזידענט שלעזינגער, די איינציגע דעלעגאטען אויף דער איצטיגער קאנווענשאן, וואס האבען זיך מיט 26 יאהר צוריק אויך באטייליגט אין דער דאמאלסדיגער אינטערנעשאנעל קאנווענשאן, וואס איז אויך אפגעהאלטען געווארען אין דער זעלבער שטאדט.

נאך די דעלעגאטען האבען אריינמארשירט אין קאנווענשאן האל די ארבייטער פון צעהנדליגער און הונדערטער שעפער. זיי האבען מארשירט ווי גוט־דיסציפלינירטע סאלדאטען פון דער גרויסער ארבייטער ארמעע.

מיט טיפער פרייד אין הארצען האבען זיי, אין דער גרעסטער ארדנונג, שעפערווייז דורכמארשירט דורכ'ן האל אונטער דעם קלאנג פון ארבייטער מעלאדיען און רוישענדע אפלאדיסמענטען. יעדע שאפ דעלעגאציע איז שטעהן געבליבען ביי דער פלאטפארמע, האט אוועקגעשטעלט א בוקעט בלומען, און איז ווייטער געגאנגען. וועהרענד די דעלעגאציעס האבען מארשירט דורכ'ן האל, האט געהערשט אן אומבאשרייבלאכע באגייסטערונג, און פילמאליגע טשירס האבען געדונערט איבער'ן האל לכבוד די זיגער פון ניו יארקער סטרייק: עקטינג פרעזידענט דובינסקי, נאגלער, באראף, ברעסלאו און באזונדערס לכבוד פרעזידענט שלעזינגער, דעם ווידעראויפבויער פון דער אינטערנעשאנעל.

נאך דיזער הערליכער דעמאנסטראציע פון טויזענטער קלאוק און דרעסמאכער, האט דער האל אויסגעקוקט ווי א בלומען־גארטען, און פון די בלומען האט גערעדט די שפראך פון איינינקייט און קאמפסוויליגקייט פאר גרעסערע דערגרייכונגען און א שעהנער אידעאלער יוניאן.

* * *

ווען די קאנווענשאן האט זיך קוים איינגעשטילט פון דער גרויסער דעמאנסטראציאנס באגייסטערונג, און [illegible] פרעזידענט קריינדלער האט פארזיכט צו עפענען די קאנווענשאן, האט גלייך ווידער אויסגעבראכען א ניט געוויינליכער ענטוזיאזם.

אויף דער פלאטפארמע ערשיינט די דעלעגאציע פון לאקאל 2, וואו פרעזידענט שלעזינגער איז א מיטגליד. אלעקס סטודענט האט דאן, אלס טשערמאן פון דער אפערייטארס יוניאן לאקאל 2 אין ניו יארק, איבערגערייכט שלעזינגער'ן א שעהנעם בוקעט בלומען אלס אויסדרוק פון גרויס אנערקענונג פאר זיינע גרויסע לייסטונגען און פארדינסטען ווידער אויפצובויען די אינטערנעשאנעל. שלעזינגער איז זעהר געריהרט געווארען פון דער דאזיגער סצענע און ער האט זיך צוקושט מיט יעדען פון זיין לאקאל־דעלעגאציע. דיזע הארציגקייט האט געמאכט אויף אלע דעלעגאטען א טיפען איינדרוק און אין האל איז אנטשטאנען א מערקווירדיגע אוואציע פאר'ן פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל.

* * *

צום ערשטען מאל זייט פילע יאהרען ווען אויף א קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל ווערט נים גערעדט און ניט געהאנדעלט וועגען קאמוניסטען. דאס איז דער בעסטער באוויז, אז די קאמוניסטען אין דער אינטערנעשאנעל זיינען א זאך פון דער פארגאנגענהייט. דאס מיינט אבער ניט, אז אלע דעלעגאטען זיינען אין אלעם איינשטימיג. אויף דער קאנווענשאן זיינען פאראן דעלעגאטען מיט פארשידענע מיינונגען, און דארט וואו עס זיינען פאראן מיינונגען, מוזען אויך זיין מיינונגס־פארשידענהייטען.

די קאנווענשאן האט אויך געהערט מיינונגספארשידענהייטען פון רעדנער אויף דער קאנווענשאן, וואס זיינען ניט קיין דעלעגאטען. די קאנווענשאן האט געהערט רעדעס פון סאציאליסטען און פארטרעטער פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר; פון א פארטרעטער פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד און פון דער פועלי ציון פארטיי אין אמעריקא.

צווישען די רעדעס פון גענאסע פענקין און מעטיו וואל זיינען פאראן טיפע פונדאמענטאלע מיינונגס־פארשידענהייטען. די רעדעס פון אזעלכע אויסגעשפראכענע סאציאליסטען, ווי גענאסע אב. קאהאן און דזשיימס מאורער, האבען אבער באוויזען, אז מיט באריקזיכטונג פון די ספעציעלע אומשטענדען פון אמעריקאנער לעבען און פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג קען מען דאך געפינען א געמיינזאמע שפראך פאר סאציאליסטען און טרייד־יוניאניסטען.

דזשיימס מאורער, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר דעם סימבאל פון אן אמת'ן אמעריקאנער סאציאליסט, איז די בעסטע דעמאנסטראציע פאר דער מעגליכקייט צו פאראייניגען דעם פראקטישען טרייד־יוניאניזם מיט'ן אידעאליסטישען סאציאליזם. ער האט מיט זיין לעבען און טעטיגקייט באוויזען, אז מען קען זיין אן אויסגעצייכענטער פרעזידענט פון א סטייט פעדערישאן אוו לייבאר און גלייכצייטיג קעמפען פאר דער ערובערונג פון דער פאליטישער מאכט פאר די ארבייטער, ווי ער האט דאס מיט ערפאלג געטאן אין זיין היימאט שטאדט רעדינג.

די דעלעגאטען האבען ארויסגעוויזען צו די ארויסגעזאגטע מיינונגס פארשידענהייטען א מאדערנע טאלעראנץ. זיי האבען אלע רעדעס באגלייט מיט אפלאדיסמענטען און באגייסטערונג. האט אב. קאהאן גערעדט וועגען דעם גרויסען פארשריט פון סאציאליזם אין איירעפא און געזאגט אז אויך אין אמעריקא וועט די סאציאליסטישע פארטיי סוף כל סוף ווערען א גרויסע פאליטישע קראפט, האט ער אין די הערצער פון די דעלעגאטען אנגעצונדען א פייער פון התלהבות. האט פענקין גערעדט וועגען א לייבאר פארטיי, זיינען, שיינט עס, מיט איהם אלע דעלעגאטען געווען איינשטימיג. האט ווידער מעטיו וואל גערעדט געגען א לייבאר פארטיי און האט אויפגעפאדערט די ארבייטער זיך צו קאנצענטרירען אין קאמף בלויז אויפ'ן עקאנאמישען געביט, האבען דיזעלבע דעלעגאטען אויך איהם שטורמיש אפלאדירט.

דאס לאזט זיך אפשר אויסטייטשען דערמיט, וואס די אידישע ארבייטער אמעריקאניזירען זיך לעצטענס וואס מעהר אין זייערע ארגאניזאציאנעלע געוואוינהייטען, און נעמען אן די אמעריקאנישע טאלעראנץ פון רעדע און פרעס־פרייהייט.

* * *

איך ווייס ניט צי גענאסע ליטוואק און גענאסע לאקער האבען געוואוסט אז צווישען די דעלעגאטען זיינען פאראן אראבער. איך ווייניגסטענס ווייס פון איינעם, דאס איז דער מענעדזשער פון לאקאל 66, לעאן האטאב, וועלכער האט גרויסע פארדינסטען אין'ם קאמף מיט די קאמוניסטען אין די יוניאנס. האטאב איז איינער פון די סימפאטישסטע דעלעגאטען אויף דער קאנווענשאן און איינער פון די פעהיגסטע צווישען די יונגע יוניאן לידערס. קומען קומט ער פון סיריען, און איז אין אמעריקא פון קינדווייז אן. לויט זיין אייגענער ערקלערונג, האט ער זיך אזוי אויסגעמישט מיט אידען, אז ער פיהלט זיך אליין ווי א איד. ער איז פריי פון יעדען ראסען־האס, און לויט די אינפארמאציעס פון דעם קאנווענשאן קיבעצער, וואס ערשיינט איינמאל אין צוויי יאהר ביי אינטערנעשאנעל קאנווענשאנס, איז ער איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער אין דער אידיש־איטאליענישער פאראייניגונג צו דערהרג'ענען די ענגלישע שפראך אויף דער קאנווענשאן.

* * *

עס איז דאנערשטאג נאכמיטאג, פאר דעם שלוס פון דער קאנווענשאן־זיצונג. עס איז נאך מעטיו וואל'ס רעדע. איבער'ן קאנווענשאן האל וועיעט א קאלטער ווינטעל פון מעטיו וואל'ס פראקטישקייט. יעדער אין האל פיהלט, אז דאס דארף ניט זיין דער פינאל פון אזא הערליכען קאנווענשאן טאג, וואס איז אויסגעפילט געווארען מיט אזוי פיעל ווארימקייט און יום־טוב'דיגקייט, וואס האט געפליסט פון אזוי פיעל אינטערעסאנטע סאציאליסטישע רעדעס. דאס איז געווען א טאג פאר דער נשמה פון די דעלעגאטען און פון דער קאנווענשאן. מעטיו וואל'ס טאן, ווי אויפריכטיג ער האט זיך געמענט זיין, איז ניט געווען דער פאסיגער טאן צו פארענדיגען די שעהנע סאציאליסטישע רעדנער־סימפאניע. איז געקומען די יוגענד, די פארשטעהערין פון נייע דורות, און האט מיט איהר ערשיינען אויף דער קאנווענשאן־פלאטפארמע געגעבען דער קאנווענשאן דעם פאסיגען טאן צו שליסען די היסטארישע דאנערשטאגיגע זיצונגען פון דער קאנווענשאן.

צוואנציג קינדער, איינגלאך און מיידלאך, פון ביידע ארבייטער רינג שולען אין קליוולאנד, זיינען אריינגעקומען אין האל אנגעטאן אין ווייסע קליידער, באצירט מיט רויטע שלייפען. קינדער פון ארבייטער, קינדער פון דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן זיינען געקומען איבערגעבען די ברכות פון די קינדער אין די שולען צו א קאנווענשאן פון ארבייטער. ווען די קינדער זיינען ארויף אויף דער פלאטפארמע, האבען זיי די דעלעגאטען באגעגענט מיט לאנג־דויערענדע בראוואַ געשרייען און רוישענדע אפלאדיסמענטען. צוויי קינדער פון דער דעלעגאציע האבען אין עטליכע ווערטער אויסגעדריקט די געפיהלען פון די קינדער, וואס באקומען זייער ערציהונג אין א סאציאליסטישער שולע, צו די מענשען פון ארבייט. מיר ווערטער הארציגע האבען זיי, אין א שעהנעם געשמאקען אידיש, פול מיט חן און קינדערשער פשטות, געבראכט די גרוסען פון די קינדער צו זייערע פאטערס און עלטערע פריינד;

„מיר זיינען געקומען אייך באגריסען, ווייל מען לערנט אונז אין די ארבייטער רינג שולען, דאס איהר זייט די נוצליכסטע מענשען אין דער געזעלשאפט. איהר שאפט דורך אייער ארבייט די בעסטע און נוצליכסטע זאכען פאר דעם באדארף פון דער מענשהייט", — האט געזאגט פייגע זילווער, א קינד פון דער ארבייטער רינג שולע נומער צוויי אין קליוולאנד:

„דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, אין נאמען פון די שילער פון דער ארבייטער רינג שולע נומער איינס אין קליוולאנד קומען מיר אייך אויסדריקען אונזער וואונש, אז עס זאל אייך געלינגען אויסצוקעמפען בעסערע לעבענס־באדינגונגען פאר אונזערע משפחות און אויך צו פארזיכערען אז ווען מיר וועלען עלטער ווערען, וועמען מיר אייך העלפען אין'ם קאמף פאר א שעהנערען און בעסערער וועלט", — האט געזאגט א יונגער בלאנדער איינגעלע פון א יאהר 13, וועמען פרעזידענט שלעזינגער האט פארגעשטעלט אלס דעם זוהן פון אב. קאטאווסקי, דעם פיהרער פון דער קליוולאנדער יוניאן.

דיזע גאלדענע ווערטער, וואס האבען מיט אזוי פיעל חן און אויפריכטיגקייט ארויסגעפלאסען פון די קינדערשע הערצער, האבען עלעקטריזירט די גאנצע קאנווענשאן. ביי פילע דעלעגאטען האבען געפלאסען טרעהרען פון די אויגען. אנדערע ווידער האבען זיך לאנג ניט געקענט באדוהיגען פון דעם טיפען איינדרוק, וואס דיזע סצענע האט אויף זיי געמאכט. און אלע צוזאמען האבען אויסגעדריקט זייער גרויסע באוואונדערונג פאר דער גוטער ערציהונגס ארבייט פון די ארבייטער רינג שולען.

* * *

די קליוולאנדער קאנווענשאן, אלס א זיג־קאנווענשאן, איז געווען רייך אין עהנליכע און פון נאך שטארקערע און ריהרענדיגערע סצענעס, ווי די וואס זיינען דא געשילדערט געווארען. אז מען וויל קען מען דאס אויסטייטשען דערמיט וואס קאנווענשאנס אין אמעריקא האבען מעהר א פאראדען־כאראקטער ווי א בעראטונגס־כאראקטער. מען פאראדירט, מאניפעסטירט, דעמאנסטרירט און מען האלט אין איין מאכען אוואציעס.

אמת, די ארבייטער קאנווענשאנס אונטערשיידען זיך אין דיזער באציהונג פון די בירגערליכע טאראראם קאנווענשאנס, פונדעסטוועגען זיינען זיי שטארק באאיינפלוסט פון דער אלגעמיינער אמעריקאנער קאנווענשאן אטמאספערע. די קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל, וועלכע איז נאר וואס פארגעקומען אין קליוולאנד, איז געווען פריי פון דיזע אלע פאראדען און מאניפעסטאציעס און די אוואציעס, וועלכע זיינען דארט ספאנטאן פארגעקומען, זיינען מעהרער געווען אן אויספלוס פון אינערליכער מאמענטאנען באגייסטערונג און צוגעבונדענקייט צו זייער ארגאניזאציע און פירערשאפט, איידער א קינסטליך־געסטיידזשטע הורא־דעמאנסטראציע.

די קאנווענשאן אין קליוולאנד איז געווען רייך גענוג אין ענטוזיאסטישע מאמענטען, באגייסטערטע אוואציעס און הערליך־שעהנע שטימונגס־בילדער. דאס זיינען אבער בלויז געווען פאעטישע עפיזאדען אין פראצעס פון ערנסטע פראזאאישע בעראטונגען, מיט וואס די קאנווענשאן איז געווען אזוי רייך און ארבייטסזאם.

די סאוועט רעגירונג ערלויבט דעם „ארט" צו גרינדען קרובים ארטעלען

דר. הענרי מאסקאוויץ, עקזעקוטיוו טשערמאן פונ'ם אמעריקאנער „ארט", האט באקומען א ספעציעלע קייבעל פון מאסקווע, געצייכענט פון דר. י. צענגעלניצקי און דר. א. סינגאלאווסקי. אין דעם קייבעל ווערט געזאגט פאלגענדעס:

„מיר האבען באקומען אן ערלויבניש פון דער רעגירונג צו עפענען ארטעלען פאר די רוסישע אידען, וואס באקומען דורך דעם „ארט" פון זייערע קרובים אטאמאטישע מאשינעס און טריקאטאזש. אזוינע ארטעלען וועלען פארזארגט ווערען פון דעם קאאפעראטיווען פארבאנד מיט רוי־שטאף."

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

PRICE 3 CENTS — ניו יארק, פרייטאג, 20טער דעצעמבער, 1929

Vol. XI, No. 39. New York, N. Y., Friday, December 20, 1929

ריטיילערס פארשפרעכען זיך אנצושליסען אין גאווערנאר'ס קאמישאן צו העלפען באקעמפען די סוועטשאפ פראדוקציע

פרענקלין סאימאן מאכט די ערקלערונג אין נאמען פון דער ריטעילערס אסס'ן. — וועלען זיך אנשליסען אין גאווערנאר'ס קאמישאן, וואס איז בעשאפען געווארען אלס רעזולטאט פון קלאוקמאכער סטרייק. — גאווערנאר רוזוועלט און ליוטענאנט־גאווערנאר לעהמאן האלטען רעדעס וועגען די מיטלען צו פארבעסערען די לאגע אין דער אינדוסטריע פון פרויען־קליידער.

שלעזינגער מאכט א טיפען איינדרוק ווען ער שילדערט פאטראן סיסטעם אין דער קלאוק אינדוסטריע.

פרעזידענט בענדזשאמין שלעזינגער האט געמאכט א טיפען איינדרוק מיט זיין רעדע וועגען דער פאטראן סיסטעם, וואס עקזיסטירט נאך היינט צו טאג אין דער אינדוסטריע און וועגען די לאנגע שטונדען ארבייט, וואס עקזיסטירען נאך אין די סוועט שעפער פון קלאוק און דרעס טרייד.

די אינטערנעשאנעל וועט רופען סטרייקס נעגען די אלע ריטיילערס, וואס וועלען פארקויפען קליידער, וועלכע וועלען געמאכט ווערען אין דיזען סארט סוועטשעפער, האט שלעזינגער ווייטער דערקלערט אין דער דאזיגער רעדע, וואס ער האט געהאלטען ביי גאווערנאר רוזוועלט'ס קאנפערענץ וועגען באפעסטיגען און אויסבעסערען די אינדוסטריע פון פרויען קליידער אין ניו יארק סטייט.

פארטרעטער פון די גרעסטע ריטייל פירמעס אין ניו יארק, וואס באשעפטיגען 40 טויזענט ארבייטער און פראדוצירען יעהרליך פאר 500 מיליאן דאלאר קלאוקס און סוטס, האבען פאריגען דאנערשטאג נאכמיטאג ערקלערט זייער גרייטקייט צו קאנפערירען מיט די אנדערע צדדים אין דער קלאוק אינדוסטריע, צו העלפען דער גאווערנאר'ס קאמישאן אויסצוראטען די סוועט־שאפ פראדוקציע און צו העלפען סטאביליזירען די אינדוסטריע.

די קאנפערענץ איז פארגעקומען פאריגען דאנערשטאג נאכמיטאג אין האטעל רוזוועלט, 45טע סטריט און מעדיסאן עוועניו, און איז געווען א גרויסער ערפאלג. די קלאוקמאכער יוניאן איז געווען פארטראטען דורך פרעזידענט שלעזינגער, עקטינג פרעזידענט דובינסקי און דזשענעראל מענעדזשער איזידאר נאגלער.

אין זיין ערעפענונגס־רעדע האט גאווערנאר רוזוועלט ערקלערט, אז דער

(שלוס אויף זייט 2).

דזשאינט באארד גרייט צו מאשינערי פאר דעם גענעראל־סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע

באראף און דובינסקי מיט די דרעס סטרייקער. — נאגלער און האכמאן וועגען סטרייק פלענער און סטרייק אויפגאבען פאר דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

שלעזינגער שטורעמט דזשאינט באארד מיט באגייסטערטער רעדע

דער לעצטער מיטינג פון ניו יארקער דזשאינט באארד, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען מיטוואך אווענט, איז געווען איינער פון די באגייסטערונגספולסטע מיטינגען אין משך פון די לעצטע חדשים. דער מיטינג האט אונז דערמאנט די צייטען פון פאר'ן קלאוקמאכער סטרייק, ווען פרעזידענט שלעזינגער האט פון וואך צו וואך אריינגעגאסען א נייעם גייסט און פרישע ענערגיע אין די מיטינגען פון דזשאינט באארד. לעצטען מיטוואך איז עס ווידער געווען. ברודער שלעזינגער, וועלכער האט מיט זיין ברויזענדען טעמפעראמענט און מיט זיין שטארקער ענערגיע עלעקטריפיצירט די פארזאמלטע. דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל האט זיך לעצטען מיטוואך, נאך אן אנגעשטרענגטען טאג ארבייט אין אפיס, געפיהלט פריש און יונג און האט אלעמען איבערראשט מיט זיין גייסטיגער און פיזישער פרישקייט. העכער א שעה צייט איז ער געשטאנען און פון איין זייט אנאליזירט דעם איצטיגען טרייד צושטאנד און פון דער צווייטער זייט האט ער מיט יוגענדליכער פרישקייט אגיטירט און פראפאגאנדירט אויף זיין אריגינעלען שלעזינגערשען אופן פאר'ן סטרייק, און האט די קלאוקמאכער איבערציינגט, אז דאס איז זייער קאמף, פונקט אזוי גוט ווי עס איז דער קאמף פון די דרעסמאכער.

שלעזינגער'ס רעדע.

„איך בין ניט געקומען אהער בלויז צו האלטען א רעדע — האט שלעזינגער אנגעהויבען, — איך בין געקומען אלס דער פרעזידענט פון דער יוניאן צו מאכען אן אינספעקציע, צו זעהן אויב די מאשין איז אין גוטען ארדנונג, צי עס איז פאראן גענוג קוילען, און צי יעדער שרייפעלע אין דער מאשין איז אויפ'ן פלאץ.

„איך וויל — האט שלעזינגער ווייטער געזאגט — אז יעדער קלאוק לאקאל, יעדער איינציגער קלאוקמאכער זאל באטראכטען דעם דרעסמאכער קאמף ווי זיין אייגענעם קאמף, ווייל די אויגען פון דער גאנצער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, די אויגען פון אלע קלאוק מאנופעקטשורערס זיינען איצט געווענדעט אויפ'ן דרעסמאכער סטרייק. וועט דער סטרייק געוואונען ווערען, דאן וועט מען אין גאנצען לאנד ריידען מיט שטאלץ וועגען דער אינטערנעשאנאל. אויב אבער חלילה דער סטרייק זאל דורכפאלען, דאן וועט עס זיך אפרופען שלעכט אויך אויף דעם קלאוק טרייד און די קלאוקמאכער וועלען ליידען.

„און ס'איז ניטא קיין אורזאכע, וואָרום דער סטרייק זאל זיך ניט קרוינען מיט ערפאלג, פונקט ווי דער קלאוק־סטרייק, — האט שלעזינגער ווייטער געזאגט. — די ארבייטער אין דער דרעס אינדוסטריע זיינען מיט אונז. זייער לעבען איז אזוי שלעכט, זיי זיינען אזוי פארשקלאפט, אז איך בין זיכער, אז זיי

(שלוס אויף זייט 2).

דינסטאג דעם 7טען יאנואר רעפערענדום וואהלען פאר בעאמטע פון דער אינטערנעשאנאל

די ניו יארקער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען, אז די רעפערענדום וואהלען פאר די הויפט בעאמטע פון דער אינטערנעשאנעל יוניאן — פרעזידענט, ערשטער וויס־פרעזידענט, דזשענעראל סעקרעטער און 14 אנדערע מיטגלידער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, זאלען איבעראל פארקומען אין דעם זעלבען טאג — דינסטאג, דעם 7טען יאנואר, 1930.

אזוי ווי פאר די אמטען פון פרעזידענט, ערשטען וויס־פרעזידענט, דזשענעראל סעקרעטער זיינען בלויז פאראן צו איינציגע קאנדידאטען, וועלען די וועהלער דארפען שטימען „יעס" אדער „נא". אזוי ווי די 6 וויס־פרעזידענטען פון דער קאנטרי האבען אויך ניט קיין נעגען־קאנדידאטען, וועלען די וועהלער פאר אט די 6 קאנטרי וויס־פרעזידענטען אויך דארפען שטימען „יעס" אדער „נא".

פאר די אכט וויס־פרעזידענטען פון ניו יארק לויפען 12 קאנדידאטען, און צווישען זיי וועט פארקומען דער וואהל־קאנטעסט. פאר זיי דארף מען שטימען לויט די נעמען, און די אכט קאנדידאטען וואס וועלען באקומען די מייסטע צאהל שטימען, וועלען זיין די אויסגעוועהלטע. עס איז כדאי צו דערמאנען, אז לויט דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן קען בלויז געוועהלט ווערען איין וויס־פרעזידענט פון א לאקאל. ווען עס לויפען פאר'ן אמט פון וויס־פרעזידענט צוויי מיטגלידער פון דעם זעלבען לאקאל, קען בלויז איינער פון זיי געוועהלט ווערען. דער ערוועהלטער איז דער יעניגער פון צוויי וואס האט צווישען זיי ביידען באקומען די גרעסטע צאהל שטימען. דערפון איז קלאר אז יעדער וועהלער דארף אין אזא פאל בלויז שטימען פאר איינעם פון די צוויי קאנדידאטען וואס באלאנגען צו דעם זעלבען לאקאל.

מיטוואך איז א ליגעל האלידעי.

מיטוואך, דעם 25טען דעצעמבער, קריסטמעס איז א ליגעל האלידעי. מען טאר דעם טאג ניט ארבייטען און מען קריגט באצאהלט ווי פאר א גאנצען טאג ארבייט. נעהמט ניט מיטוואך צו דער ארבייט און פארלאנגט באצאהלט פאר'ן טאג.

דזש. באארד קלאוק, סקירט, דרעס און ריזער מאכער יוניאן
איזידאר נאגלער, דזש. מענ.
הערי וואנדער, סעקרעטער.
מ. סמאלער, טשערמאן.

פרעזידענט שלעזינגער און ערשטער וויס־פרעזידענט ניניפא אין קליוולאנד

ברודער בענדזשאמין שלעזינגער און סאלוואטארע ניניפא זיינען מיטוואך אווענט, גלייך נאכ'ן מיטינג פון דער ניו יארקער דזשאינט באארד, אפגעפאהרען קיין קליוולאנד. דאנערשטאג אווענט האבען ביידע יוניאן פיהרער אדרעסירט א גרויסען מאס מיטינג פון די דארטיגע קלאוק און דרעס מאכער איבער דעם צושטאנד אין דער אינדוסטריע און וועגען די פארהאנדלונגען איבער די אגרימענט באנייאונג.

פרעזידענט שלעזינגער וועט דארט פיהרען די פארהאנדלונגען וועגען דער באנייאונג פון אגרימענט צווישען דער דארטיגער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן און די קליוולאנדער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. די אפיציעלע קאנפערענץ צווישען ביידע צדדים וועט פארקומען מאנטאג דעם 23טען דעצעמבער. דעם זעלבען אווענט וועט ברודער שלעזינגער פארלאזען קליוולאנד צוריק קיין ניו יארק.

מאנטאג, פרעסערס מיטינג

מאנטאג אווענט, דעם 23טען דעצעמבער, גלייך נאך דער ארבייט, וועט אין ביייטהאווען האל, 6טע עוועניו, צווישען 41 און 42טע סטריט, פארקומען א וויכטיגער פרעסערס מיטינג. אלע פרעסערס ווערען אויפגעפאדערט צו קומען צום מיטינג.

וויכטיגע באשלוסען אויף דער 20טער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל

(שלוס פון זייט 8)

די קאמוניסטען וואלט בלויז געדינט אריינצוגעבען א נייעם לעבענס־פונק אין זייער שטארבענדער באוועגונג און וואלט זיי געבען א געלעגענהייט ווידער אנצו־פאנגען געלדזאמלונגען, :די אויפצוהאל־טען זייער ארמיי פון פראפעסיאנעלע אנהענגער".

פילע דעלעגאטען האבען אפען אויס־געדריקט די האפנונג, אז הילקוויט וועט זיך צוהערען צום פארלאנג פון דער קאנ־ווענשאן.

אונזער פיהרערשאפט

אבוואהל די קאנווענשאן האט בא־שלאסען אז די הויפט באאמטע פון דער יוניאן זאלען ערוויילט ווערען דורך א רעפערענדום אפשטימונג, ווייסט מען שוין פינדעסטוועגען ווער עס וועלען זיין אונזערע הויפט פיהרער פאר די קומענ־דע צוויי יאהר. פרעזידענט שלעזינגער און 1טער וויס־פרעז. סאלוואטארע נינפא האבען ניט קיין געגען קאנדידאטען און זייער ווידערערוויילונג איז מער ווי זיכער. אינ׳ם אמט פון דזשענעראל סעקרעטער פאר דער אינטערנעשאנעל קומט פאר א וויכטיגע ענדערונג. ברודער אב. באראף, איינער פון די פארדינסטפולסטע וועטע־ראנען פון דער אינטערנעשאנעל, וועל־כער האט פאר די לעצטע פופצעהן יאהר מיט גרויס כבוד, טרייקייט און איבער־געבענהייט געפיהרט דעם סעקרעטאריאט פון דער אינטערנעשאנעל, האט בא־שטימט מעהר ניט צו לויפען פאר׳ן אמט פון דזשענעראל סעקרעטער און פאר די־זען אמט האט אנגענומען צו לויפען דער ביז איצטיגער מענעדזשער פון דער קא־טערס יוניאן לאקאל 10, וויס־פרעזי־דענט דוד דובינסקי. אויך דובינסקי האט ניט קיין געגען־קאנדידאט און זיין וואהל איז אויך א געזיכערטע.

ברודער שלעזינגער איז נאמינירט געווארען פון ישראל פיינבערג, פון לא־קאל 2, אין ניו יארק.

אין א שעהנער רעדע, אין וועלכער ער האט געגעבען אן איבערבליק איבער די גרויסע אויפטואונגען פון פרעזידענט שלעזינגער פאר דער אינטערנעשאנעל און דער אלגעמיינער ארבייטער באווע־גונג, איז ברודער שלעזינגער נאמינירט געווארען אלס פרעזידענט אונטער גרוי־סע אוואציעס און הורא־געשרייען.

ביים אננעמען די נאמינייטשאן האט שלעזינגער געשטעלט די באדינגונג, אז דובינסקי מוז זיין דער קאנדידאט פאר סעקרעטער. אויסרעכענענדיג דובינסקי׳ס אויפטואונגען אין די לעצטע 18 מא־נאטען, איבערהויפט אין דער צייט, ווען שלעזינגער האט איהם באשטימט אלס עקטינג־פרעזידענט ווען ער אליין האט ניט געקענט טאן זיין ארבייט צוליב קראנקהייט.

דובינסקין האט נאמינירט ברודער באראף אליין, און דיזע סצענע איז גע־ווען איינע פון די ריהרענדסטע סצענעס וועהרענד דער גאנצער קאנווענשאן.

צווישען שלעזינגער׳ן און באראף׳ן האבען די גאנצע צייט עקזיסטירט און עס עקזיסטירען נאך היינט די הארציג־סטע באציהונגען. שלעזינגער׳ס באדינג צו דובינסקי׳ן שטאמט דערפון, וואס ברודער שלעזינגער אליין פיהלט זיך ניט ביים בעסטען געזונד און עס איז, לויט זיין מיינונג, אין אינטערעס פון דער יוניאן אז וויינינגסטענס איינער פון די צוויי הויפט באאמטע אין דזשענעראל אפיס זאל זיין א יונגער און געזונטער מענש. ברודער באראף האט דאס אליין איינגעזעהען און האט באשלאסען ניט צו לויפען מעהרער פאר דיזען אנשטרענ־גענדען אמט.

די וויס־פרעזידענט קאנדידאטען פון ניו יארק, פון וועלכע עס דארפען עלעק־טעט ווערען 8, זיינען: דזשאזעף ברעס־לאו, איזראעל פיינבערג, דזשוליוס האכ־מאן, דזשייקאב האלפערן, בענדזשאמין קאפלאן, דזשייקאב העלער, אייזידאר נאגלער, ניקאלאי קורצמאן, הערי וואנ־דער, הערי גרינבערג, לואידזשי אנטא־ניני און איבערהעם סניידער.

די זעקס וויס־פרעזידענט קאנדידא־טען פון אנדערע צענטערן זיינען: מש. קריינדעל, קליוולאנד; מארים ביאליס, שיקאגא; מאקס אמדור, באסטאן; עליאס רייזבערג, פילאדעלפיא; איבערהעם קירצנער, טאראנטא און פיליפ קריימער, באסטאן.

דער טערמין פון דזשענעראל אפי־סערס איז, לויט דעם באשלוס, פארבלי־בען צוויי יאהר. עלעקשאנס זאלען גע־האלטען ווערען אויפ׳ן זעלבען אופן ווי עס ווערען ערוויילט דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. א נאציאנאלע עלעקשאן־קאמיטע פון זיבען דארף ערוויילט ווערען צו האבען אויפזיכט איבער די וואהלען וואס מוזען אפגעהאלטען ווערען אין דעם טאג וואס די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט באשטימען. די עלעקשאן קאמיטע קען ארגאנזשירען א נייעם וואוט אין פאל די ריטוירנס שיינען צו זיין אין צווייפעל.

די פאלגענדע זיינען באשטימט גע־ווארען אלס די נעשאנעל עלעקשאן קא־מיטע: גייטען היינס, לאקאל 2; אייב בעלסאן, לאקאל 17; ראוז מירסקי, לא־קאל 22; עדווארד מאליסאני, לאק. 48 און לואיס רייף, לאקאל 35. אלע פון ניו יארק; גייטען סאלאמאן, קליוולאנד; און דייוויד באזאוויץ, שיקאגא.

אונזער דעלעגאציע צו דער א. פ. א. ל. קאנווענשאן

די קאנווענשאן האט דעם מאל ער־וויילט 5 דעלעגאטען צו דער קאנווענ־שאן פון דער א. פ. אוו ל. אין דער דעלעגאציע געהען אריין דעם מאל נייע מענשען. די געוועהלטע ברידער זיינען ווי פאלגט: אב. קאטאווסקי, קליוו־לאנד; דייוויד פריהלינג, לאקאל 10; בען מאזער, לאקאל 2; באסילא דעסטי, לא־קאל 48 און מאקס קאהען, לאקאל 35.

אין צייט פון קריזיס אין דער יו־ניאן האבען אונזערע הויפט באאמטע פרייוויליג זיך אפגעזאגט צו נעמען דעם פולען געהאלט, וואס עס איז זיי גע־קומען. איצט, ווען די יוניאן קומט ווי־דער צוריק צו אלטער קראפט און נאר־מאלע אומשטענדען, איז עס ניט מעהר ווי רעכט, אז אונזערע הויפט באאמטע זאלען באקומען זייערע שכר פאר זייער ארבייט.

די קאנווענשאן האט דעריבער אנגע־נומען א רעקאמענדאציע, אז די דזשע־נעראל עקזעקוטיוו באארד זאל העכע־רען די געהאלט פון פרעזידענט און סעק־רעטער נישט איבער די סאלארים פון 1925, וואס זיינען געווען 7,500 פאר׳ן פרעזידענט און 5,000 פאר׳ן סעקרעטער.

באגייסטערטע אוואציע פאר בר. באראף

איינע פון די ריהרענדסטע געשעע־העניסען איז געווען ווען אונזער וועטע־ראן סעקרעטער טרעזשורער האט אין א ריהרענדער רעדע ערקלערט, אז ער ציהט זיך צוריק פון אמט נאכדעם ווי ער האט 15 יאהר געדינט דער אינטערנעשאנעל אלס סעקרעטער־טרעזשורער; די רעדעס וואס עטליכע דעלעגאטען האבען ביי די־זער געלעגענהייט געהאלטען, לויבענדיג די זעלבסט־אויפאפפערונג פון דעם וועט־עראן באראף און די דעמאנסטראציע פון אלע דעלעגאטען פאר איהם. ווען א גרופע יונגע פרויען־דעלעגאטען האבען באראף׳ן צוגעטראגען א בוקעט בלומען, האבען די אוואציעס פאר באראף׳ן אויפ־געטרייסעלט דעם גרויסען אודיטאריום, וואו די קאנווענשאן זיצונגען זיינען פארגעקומען. טרעהרען זיינען געשטא־נען אין די אויגען פון אלע דעלעגאטען, און ווען ברודער דובינסקי, באראף׳ס נאכפאלגער אין אמט, האט גערעדט ווע־גען באראף׳ס גרויסע פארדינסטען פאר דער יוניאן אין יאהרען פון פרייד און נאך מעהרער אין יאהרען פון ליידען, האט יעדען פון די דעלעגאטען און געסט ארומגענומען א געפיהל פון טיפער אנער־קענונג און דאנקבארקייט צו באראף׳ן, דעם לאנג־יאהריגען פיהרער און וועגוויי־זער פון אונזער גרויסער ארגאניזאציע.

די קאנווענשאן האט איהם איבער־געגעבען א שעהנעם גאלדענעם זייגער אלס באווייז פון טיפער אכטונג און אמת׳ער ליבשאפט.

באראף בלייבט מיט אונז, מיט דער יוניאן, פאר וועלכער ער האט געלעבט און געקעמפט. די אינטערנעשאנעל וועט פאר איהם באשטימען א לייכטען אמט, וואס זאל ניט זיין צו שווער פאר זיין שוואכען געזונט.

אינטערנעשאנאל קאנווענשאן נעמט באשטימטע א ביט־יוניאן מאנופעקטשורער אין פרעזידעט הואווער׳ס ביזנעס קאמיטע

איינע פון די אינטערעסאנטע פא־סירונגען אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל אין קליוולאנד איז געווען א רעזאלוציע וועלכע האט גע־קענט זיין א טשאלענדזש פון דער אינ־טערנעשאנאל צו פרעזידענט הואווער און וועלכע האט געקענט אריינציהען די גאנצע ארבייטער באוועגונג.

ביי איינער פון די קאנווענשאן זיצונ־גען האט וויס־פרעזידענט ד. דובינסקי אנאנסירט, אז ער האט ערהאלטען א נאכריכט פון א זיכערער קוועלע אין ניו יארק, אז הואווער האט אפאינטעד א ניו יארקער ניט־יוניאן מאנופעקטשורער אויף דער קאמיטע פון 72, צו העלפען דעם אינדוסטריעלען פראגראם. דער מא־נופעקטשורער איז דזשעסי הערץ, פון דער פירמע סטירן און הערץ, ניט־יוניאן מא־נופעקטשורערס פון קלאוקס און קינדער־קליידער, פון 385 בראדוויי. „דאס איז געווען א פאטש אין פנים דער ארגאני־זירטער ארבייטער באוועגונג, וועלכע קעמפט פאר אמת׳ען אינדוסטריעלען פראגרעס", האט דובינסקי געזאגט. אויף זיין פארשלאג האט די קאנווענשאן אינ־סטרואירט פרעזידענט שלעזינגער זיך צו שטעלען אין פארבינדונג מיט דער א. פ. אוו ל., סעקרעטערי אוו לייבאר, דייוויס, און פרעזידענט הואווער און ענערגיש האנדלען אין דער פראגע. פרעזידענט שלעזינגער האט פארשפראכען צו טאן עס אין דער נאהענטער צוקונפט.

ביים שלוס פון דער קאנווענשאן איז ערהאלטען געווארען א צושריפט פון פרעזידענט גרין מיט דער מעלדונג, אז מר. הערץ האט זיך דערוואוסט דורך דער „וואומענס וועיר" וועגען דער שטעלונג פון דער אינטערנעשאנאל און האט גע־בעטען הואווער׳ס קאמיטע איהם צו בא־פרייען פון זיין אפאינטמענט אויף דער קאמיטע. דאס איז א וויכטיגער מארא־לער זיג פון גרויסער באדייטונג.

לינקע דרעס שעפער געהען איבער צו דער אינטערנעשאנאל

קאמוניסטען זוכען נעבאך א שטיקעל פּובליסיטי, אבער אהן ערפאג!

די סטאקהאלדערס פון דער קאמוניס־טישער פארטיי, וועמעס שערס עס זיי־נען לעצטענס געפאלען, מיט א פיעל גרעסערען קראך, ווי עס האט פאסירט אין וואל סטריט, האבען די וואך גע־מאכט א פארזוך צו ווייזען די ניו יאר־קער איינוואהנער, אז זיי זיינען נאך ניט איינגאנצען טויט. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די סענזאציאנעלע פרעסע לעבט אפ און קוויקט זיך מיט דעמאנ־סטראצעס און געשלעגען, זיינען אבער די כאוויירים מיאוס דורכגעפאלען.

פאסירט האט פאלגענדעס: די דרעס פירמע וואגנער און פרידמאן, פון 323 וועסט 39טע סטריט, האט פאר א לענגערע צייט אפערירט אלס אפען שאפ. מיט א פאר וואכען צוריק האבען די ארבייטער, אלס רעזולטאט פון דער גרוי־סער ארגאניזאציאנס־ארבייט, וועלכע ווערט אנגעפיהרט מצד דעם דרעס דע־פארטמענט, אנגעשלאסען זיך אלס מעמ־בערס פון דער יוניאן. קורץ נאכדעם איז די פירמע צוגעשטאנען צו דער אפי־ציעלער „דרעס אסאסיאיישאן", וועלכע שטעהט אונטער קאנטראקטע מיט דער יוניאן.

ווען א פארשטעהער פון דרעס דע־פארטמענט האט אנגעפאנגען צו קאנט־ראלירען דעם שאפ, האט ער געפונען א פאר ארבייטער וועלכע האבען זיך נאך ניט אנגעשלאסען אן דער יוניאן. פאר־שטענדליך, האט ער זיי ערקלערט דאס זיי וועלען מוזען ווערען מעמבערס פון דער יוניאן אויב זיי ווילען ארבייטען אין שאפ. נאכדעם ווי די פאר בעל מלאכות האבען זיך אפען אנטזאגט אויסצופאלגען דעם אָרדער, זיינען אנ־דערע ארבייטער ארויפגעשיקט געווארען אויף זייערע פלעצער.

דאכט זיך גאנץ יושר׳דיג. מיט וואס זיינען די באטרעפענדע 4 אדער 5 ארבייטער גרעסערע מיוחסים פון די איב־בעריגע, וועלכע האבען זיך פרייוויליג אנגעשלאסען אן דער יוניאן? אבער נעה זוך יושר ביי קאמוניסטען! הא־בען די כאוויירים ערקלערט א סטרייק און פאר מאנטאג פריה האט מען מא־ביליזירט „די גאנצע רררעוואלוציאנערע ארבייטער באוועגונג" צו פיקעטען דעם שאפ. די פאר צעהנדליג קאמוניסטישע נאכשלעפער, וועלכע זיינען געקומען אין מארקעט, האבען געזוכט צו מאכען א טאראראם, אבער אהן ערפאלג. א פאר כאווערטעס, וועלכע האבען געזוכט אבי־סעל פּובליסיטי, זיינען ארעסטירט גע־ווארען אין האבען געהאט דעם פארגע־ניגען צו זעהן זייערע נעמען אין א פאר צייטונגען.

די ארבייטער פון שאפ זיינען ביי דער ארבייט און הויבען ניט אן צו ווי־סען פון סטרייק אדער פיקעטס. די קא־מוניסטען וועלען געוויס פארצייכענען די מאנטאגדיגע „דעמאנסטראציע" אלס א גרויסען זיעג פאר די רעוואלוציאנערע הארעפאטשניקעס. זאל זיי וואויל בא־

קלאוקמאכער אין קענעדע ווערען טעטיג

(שלוס פון זייט 7)

מוזען מאכען א סורפרייז. זי ערקלערט, אז זי איז איינע פון די בעסטע פינישע־רינס אין יענעם שאפ און אנדערע בא־שטעטיגען דאס, קריגט זי איצט גארניט קיין ארבייט דורך דער צייט פון סלעק, אבוואהל אנדערע ארבייטען יע צו בים־לאך. ווען זי האט געפרעגט דעם בא־לעבאס פארוואס זי ווערט אויסגעלאזען פון דער ארבייט, ענטפערט ער גאנץ פשוט: דו האסט ניט געוואלט צואר־בייטען אין סעזאן, קענסטו איינגאנצען ארומגעהן ליידיג אין די סלעק. די שוועסטער ערקלערט אז זי פיהלט זיך שוואך און זי האט ניט געקענט אר־בייטען שפעטער פאר 9 אזייגער

גלויבען מיר ניט אז עס איז נויטיג צו געבען נאך קאמענטארען. געוואלט האט זיך געבען נאך א פאר ביישפי־לען, פשוט ס׳ארבייט אזש די הענט, האבען מיר אבער מורא אז אונזער ברו־דער רעדאקטאר זאל אונז איינגאנצען ניט אויסשניידען פון דער „גערעכטיג־קייט" און מיר מוזען זיך באנוגענען מיט אזוי פיל.

די ווירקונג פון ג. ע. ב. באשלוס

דערפאר האט דער באשלוס פון ג. ע. ב. צו רופען א סטרייק אין טאראנ־טא געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף די קלאוקמאכער. ווי א בליץ האט זיך דורכגעטראגען די נייעס איבער גאנץ טאראנטא, ספעציעל ווען איך בין אנגעקומען אהער אלס דער דזשענעראל ארגאנייזער, ניט אזוי פיעל דערפאר וואס איך בין דאס דער מענשענרעטער, נייז, דאס איז דערפאר וואס איך בין געקומען אהער אלס דער שליח פון דער אינטערנעשאנעל צו ראטעווען די קלאוקמאכער פון דעם שרעקליכען אפגרונט. ס׳האט ניט לאנג גענומען און די קלאוקמאכער, אלטע יו־ניאן לייט און נייע יוניאן לייט, נעבע־טיגע שרעקליכע פעסימיסטען האבען זיך מיט שטורם גענומען צו דער ארבייט. צעהנדליגע קאמיטעען לאזען זיך יעדען אווענט ארויס צו די שעפער, אום צו ברייננגען נייע רעקרוטען פאר דער יו־ניאן און פאר׳ן גענעראל סטרייק. מיר טאג־צייט וועט איהר טרעפען דיזעלבע קלאוקמאכער ארום די שעפער, וואו מען דיסקוטירט, אגיטירט צו זייערע כאווי־רים, אז זיי מוזען זיך גלייך אנשליסען אין דער יוניאן. ניטא דער יואש, ניטא דער פעסימיזם און אפגעלאזענקייט פון א פאר וואכען צוריק. די ארבייט ברענגט אויך רעזולטאטען. הונדערטע קלאוק־מאכער קומען אריין אין דער יוניאן.